STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06856

DI TSUKUNFT FUN MEDINES YISROEL

Tovia Green

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די
צוקונפט
פון
מדינת
ישראל

אן אָפהאנדלונג וועגן די עקאָנאָמישע
מעגלעכקייטן פון ישראל

הרב טוביה גרין

Copyright 1953, Montreal, Canada

דורך דעם מחבר **הרב טוביה גרין**

עס איז פארבאָטן איבערצודרוקן אָדער איבערזעצן דאָס בוך
אָדער טיילן פון אים, אָן א דערלויבעניש פון דעם מחבר

מיט באשטעלונגען פאר דעם בוך קען מען זיך ווענדן אויף די
פאָלגנדע אדרעסן:

RABBI TOBIAS GRUEN, 4406 St. Urbain St., Montreal
HA. 4405

Northern Printing & Lithographing Co.
4844 St. Lawrence Blvd.
Montreal, Canada

איינצלנע עקזעמפלארן ווערן ארויסגעשיקט נאָכן צושיקן 65 סענט
פלוס 5 סענט פאר פאָסט

6

דאָס בוך איז געווידמעט צו די אַלע
וואָס בויען ישׂראלס עקאָנאָמיע און צו
די וואָס העלפן ברענגען ישׂראל נענטער
צו עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט.

אינהאלט

זייט

פארוואָרט 14

אַגריקולטור (ערד אַרבעט) אין מדינת ישראל

מיטל־לענדיש לאַנד 17
וואַסער־אוצרות אין ישראל 17
רעגן אין ישראל 18
ישראלס שפייז מעגלעכקייטן 18
ישראלס לאַנדווירטשאַפט אין זמן פון בית שני . . . 19
מעכאַניזאַציע און קינסטלעכע באַמיסטיקונג . . . 20
באוואסערונג פון נגב 21
די בערג אין מדינת ישראל אין די לעצטע 800 יאָר . . 23
די בערג אין מדינת ישראל אין דער צייט פון בית שני . . 24
טעראַסן סיסטעם 24
פלאַך־לאַנד 25
חולה געגנט 25
מאַלאַריע־ערד 26
חדרה 26
די פראָדוקציע אינעם נגב אין 1952 27
באַפעלקערונג פון מיטל־לענדיש לאַנד (פון אגריקולטור) . 28

זייט

ישראלס פאָרשריט אין אגריקולטור 29
ערד-אַרבעטער אין ישראל. 31

נאַטור אוצרות אין מדינת ישראל

נאַטור־אוצרות אויף דער וועלט 33
ישראלס רייכקייט אין נאַטור־אוצרות 33
דאָס זוכן די אוצרות 34
וויסנשאַפטסלייט און ספּעציאַליסטן 35
די הויך שולן אין ישראל 36
אוצרות אין ישראל 36

מינעראַלן

פּ אָ ט אַ ש 37
פּ אָ ס פ אָ ר 38
פעלד־שפּאַט 40
טעפּער-ליים 40
זאַמד־גלאָז 41
מיקא (שטיינגלאָז) 42

ענערגיע־געבערס

טאָרף (קוילן) 42
אויל (פּעטראָל). 43
ע ל ע ק ט ר י צ י ט ע ט 45

מעטאַלן

	זייט
מ אַ ג נ ע ז י ו ם	45
א י י ז נ אַ ר ץ	47
מאַנגאַנעז (ברוינשטיין)	51
ק ו פּ ע ר	52
עקספּלואַטאַציע פון די אוצרות	53
פּריוואַט־אונטערנעמער ביים זוכן נייע אוצרות	54

אינדוסטריע אין מדינת ישראל

וויכטיקייט פון אינדוסטריע	56
קליין-אינדוסטריע	56
רוי־שטאָפן	57
עקספּאָרט אין קליין־אינדוסטריע	58
שווער אינדוסטריע, די פּאַפּיר־פּאַבריק	58
אויטאָס-פאַבריק	59
גומענע־רעדער פאַבריקן	60
שטאָל־אינדוסטריע	61
וואַסער־רערן-פאַבריק	62
בוי אינדוסטריע	62
כעמישע אינדוסטריע	63

האַנדל אין ישראל

געאָגראַפישע סיטואירונג	65
האַנדל מיט סקאַנדינאַווישע לענדער	65

זייט

האַנדל מין ווייטן מזרח, מזרח אַפריקע און אויסטראַליע . 65
האַנדל מיט דרום־און מערב־איראָפּע,
מערב-אַפריקע און אַמעריקע 66
האַנדל מיט די אַראַבישע לענדער 66
גוטע מעגלעכקייטן פאר פריוואַט-קאַפּיטאַל . . . 68

טראַנספּאָרטאַציע אין מדינת ישראל

וויכטיקייט פון ביליקן איבערפירן סחורות . . . 72
פינף וועגן פון טראַנספּאָרט 73
מעלות און חסרונות פון באַנען און לאַסט־אויטאָס . . 74
סדום באר-שבע וועג 75
אילת באר־שבע וועג און אילת פּאָרט 76
טראַנספּאָרטאַציע איינפלוס אויף עקספּאָרט־אימפּאָרט . 79
ישראלס פאָרשריט אין טראַנספּאָרט 80
אַ פאַרגלייך צווישן ישראל און אַנדערע לענדער
אין טראַנספּאָרט מיטלען 82
ש ל ו ס 85-91

פאָרוואָרט

די אויגן פונעם גאַנצן יידישן פאָלק זענען געווענדעט צו ישראל, ווייל דאָרט קומט פאָר די ווידעראויפלעבונג פון אַ יידישער מדינה, נאָך צוויי טויזנט יאָר גלות. דער וויכטיקסטער פאַקטאָר אין לעבן פון אַ מאָדערנער מדינה איז איר עקאָנאָמיק. דעריבער איז פאַרשטענדלעך דער גרויסער אינטערעס פון די יידן איוף דער גאַנצער וועלט צו די פּראָבלעמען פון ישראלסווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן.

וועט ישראל קענען פּראָדוצירן גענוג עסנוואַרג פאַר איר באַפעלקערונג? פאַרוואָס פעלן איצט אויס דאָרט פאַרשידענע שפייז־פּראָדוקטן? וועט ישראל קענען עקספּלואַטירן אייגענע רוי־שטאָפן פאַר אירע פאַבריקן? וואָס פאַר אַ פאַבריקן בויט מען איצט אין ישראל? ווי זעט אויס איר טראַנספּאָרט-נעץ? פאַרוואָס דאַרף ישראל איצט זיך לייען גרויסע סכומים געלט פון אויסלאַנד? וועט זי קענען צוריקצאָלן די סומעס געלט מיט די פּראָצענטער? וועט ישראל קאָנען, מיט דער צייט, באַלאַנסירן איר אימפּאָרט מיטן עקספּאָרט? אויף די אַלע פראַגן וואָס אינ־טערעסירן יעדן איינעם ייד, פּרובירט דער מחבר פון דעם בוך צו געבן אַן ענטפער.

דאָס בוך איז צעטיילט אין פינף באַזונדערע קאַפּיטלען: אַגריקולטור (ערד־אַרבעט), נאַטור־אוצרות, אינדוסטריע, האַנדל

און טראַנספּאָרטאַציע. די פינף געביטן זענען די עיקרדיקסטע אינעם עקאָנאָמישן לעבן פון אַ לאַנד. דער שרייבער פון דעם בוך האָט זיך באַמיט צו פאַרגלייכן ישראלס עקאָנאָמישע רייכ־טימער מיטן אופן ווי מען עקספּלואַטירט זיי אין אַנדערע אַנטוויקלטע לענדער, ווייל דורך דעם ווערט קלאָרער דאָס בילד פון ישראלס עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן אין דער צוקונפט.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דער דאָזיקער באַשיידענער אַרבעט איז ווייט נישט אויסגעשעפּט געוואָרן די טעמע פון ישראלסווירטשאַפטלעכע מעגלעכקייטן. דער מחבר האָפט, אָבער, אַז די אַרבעט וועט דערוועקן ביים לייענער אַן אינטערעס פאַר די אין בוך באַרירטע פּראָבלעמען און זאָל דאָס זיין דעם מחברס שכר.

איך וויל אויסדריקן אַ דאַנק צו מיין חבר דעם דיכטער ש. סימכאָוויטש, וואָס האָט מיר געהאָלפן קאָרעגירן דעם מאַ־נוסקריפּט און מיך דערמוטיקט צו פאַרעפנטלעכן די אַרבעט. איך וויל אויך דאַנקען מיין פריינד א. שוואַרצבערג און ווי אויך מיין לערער יחיאל שטערן פאַר זייערע חברישע אָנווייזונגען און אויסבעסערונגען. אַ דאַנק קומט אויך דעם וויצע־קאָנסול פון מדינת־ישראל אין מאָנטרעאַל, מר. חנן עינור, וואָס האָט מיר געהאָלפן קריגן די נויטיקע ביכער און מאַטעריאַלן וועגן ישראלס עקאָנאָמיע.

ט. ג.

אַגריקולטור (ערד אַרבעט) אין מדינת ישראל

מיטל־לענדיש לאַנד

אײן פּראצענט פון דער יבשה אויפן ערד־קײלעך באשטײט פון מיטל־לענדיש לאנד. די דאָזיקע ערד־שטחים געפינען זיך אויף דער מערב־זײט פון יעדן קאָנטינענט צווישן 30 און 40 פאראלעל אויף צפון און דרום פונעם ערד־קײלעך. צו דער קאַטעגאריע פון מיטל־לענדיש לאנד געהערן די לענדער ארום מיטל־לענדישן ים ווי איטאליע, גריכנלאנד, דרום פראנקרײך, ישראל, א. א. אויף אנדערע קאָנטינענטן געהערן צו דער קאטעגאָריע פון מיטל־לענדיש לאנד א טײל פון קאליפאָרניע אין דעם מערב טײל פון די פאַראײניקטע שטאַטן, דער צענטראַלער טײל פון טשילי, אַ טײל פון דרום אַפריקע און אַ טײל פון אויסטראַליע. אין די אַלע אויסגערעכנטע לאַנד־טײלן רעגנט אין ווינטער און דער קלימאט איז א מילדער און אין זומער איז טרוקן און הײס. דאָס נאטירלעכע וואקסן אויף די פעלדער קומט פאָר אין ווינטער. מיט באוואסערונג מעטאָדן ווערן געוויסע שטחים אין די לענדער אויך בעארבעט אין זומער.

וואסער־אוצרות אין ישראל

דאָס וויכטיקסטע פּראָבלעם אין די מיטל־לענדישע לענדער איז דאָס וואסער פּראָבלעם. לויט וואסער־אוצרות איז מדינת

ישראל צעטיילט אין דריי ספערעס. 1) אין צפון־טייל פון ישראל איז דאָ גענוג וואַסער פאַר די אייגענע אגריקולטור באדערפע־נישן און עס נאָך אפילו דאָ איבעריק וואַסער צו קענען טראַנס־פערירן צו די טרוקענע טיילן. 2) אין צענטער פון ישראל איז דאָ גענוג וואַסער פאַר אייגענע אַגריקולטור באַדערפענישן. 3) אין דרום טייל פון ישראל (נגב) מוז מען אריינברענגען וואסער בכדי מען זאָל קענען אויסנוצן דעם שטח פאר לאנדווירטשאפט.

רעגן אין ישראל

ווען אין ישראל רעגנט, (אין צענטער און נאָכמער אין דרום) רעגנט עס מיט איין גאָס. אין נגב קען אין משך פון איין וואָך, אָדער אביסל לענגער, אראָפגיסן דער גאנצער יערלעכער רעגן און מער זאָל נישט רעגענען ביז קומענדיקן יאָר. בשעת עס רעגנט שאפן זיך טייכלעך וואָס טריקענען אויס אזוי שנעל ווי דער רעגן שטעלט זיך אָפּ. די טייכלעך פון צפון טייל פון נגב טראָגן אראָפּ דאָס וואסער פון נגב צום מיטל־לענדישן ים אָדער צום ים־המלח. אויף דעם אופן ווערט פארלוירן א גרויסער טייל פונעם וויכ־טיקן וואַסער־אוצר אין נגב. די איריגאַציע־סיסטעמען וואָס ווערן איינגעשטעלט דורך דער ישראל־רעגירונג ציען אָפּ דאָס וואסער פון די טייכלעך און זאמלען עס איין אין גרויסע וואסער־רעזערוווארן.

ישראלס שפייז מעגלעכקייטן

בכדי צו פארשטיין וואָס עס זענען ישראלס אויסזיכטן אויפן געביט פון אגריקולטור, מוזן מיר פאר אלעס באקענען זיך מיט דער געשיכטע פון אגריקולטור אין ארץ ישראל און דערנאָך

פאַרגלייכן ישראלס אַגריקולטור פּאָזיציע מיט דער אַגריקולטור פון אנדערע לענדער. א סך מענטשן שטעלן זיך די פראגע „וועט ישראל קענען פּראָדוצירן גענוג שפּייז פאַר איר באַפעלקערונג?" באקענענדיק זיך מיט די מעגלעכקייטן פון ישראלס לאנדווירטשאפט מוז מען קומען צום באשלוס, אז אין פארלויף פון די נאָענטסטע צען יאָר וועט ישראל באַשטימט קענען פּראָדוצירן גענוג שפּייז פאַר איר באַפעלקערונג.

ישראלס לאנדווירטשאפט אין זמן פון בית־שני

צווישן די היסטאָריקער גייט אָן א מחלוקה וועגן דער צאָל יידן וואָס האָבן געלעבט אין ארץ ישראל בעת דעם בית-שני; טייל האלטן, אז אין ישראל האָבן דעמאָלט געלעבט ביי פינף מיליאָן יידן; אנדערע גלויבן אז אין ישראל האָבן געלעבט ווייניקער יידן ווי די אָנגעגעבענע צאָל. אָבער אלע היסטאָריקער נעמען אָן, אַז צום ווייניקסטן האָבן צווישן צוויי ביז דריי מיליאָן יידן געלעבט אין ישראל פאַרן חורבן בית-שני. אויסער דעם האָבן נאָך אין ישראל געלעבט א גרויסע צאָל גריכן דעמאָלט. דער גרעסטער טייל פון די יידן אין ישראל אין יענער צייט האָבן זיך פארנומען מיט לאנדווירטשאפט און נאָר א קליינער טייל האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט מסחר. דער מסחר איז באשטאנען אין דעם, וואָס ארץ ישראל האָט עקספּאָרטירט תבואה, וויין, פרוכטן און אנדערע אגריקולטור ארטיקלען און ארייגעבראכט מאַנופאַקטור־אויסאַרבעטונגען. אויב ישראל האָט אַמאָל געקענט פּראָדוצירן גענוג עסנווארג פאר אזא גרויסע באפעלקערונג, וועט זי היינט מיט דער הילף פון דער מאָדערנער טעכניק אוודאי עס קאָנען באווייזן.

מדינת ישראל טוט היינט אַלץ וואָס זי קען, בכדי צו מעכאַ־ניזירן און מאָדערניזירן איר אַגריקולטור-ווירטשאַפט. לאָמיר זען וואָס אַנדערע לענדער האָבן אויפגעטאָן דורך מעכאַניזירן און דורך קינסטלעך באַמיסטיקן זייערע פעלדער. פון דער גע־שיכטע ווייסן מיר אַז די פויערים אין אייראָפּע אין 15טן י. ה. האָבן שוין געוואוסט פון דעם דריי־פעלד-סיסטעם, און דאָס איז געווען אַ גרויסער פּראָגרעס לגבי די פריערדיקע לאַנדווירט־שאַפטלעכע סיסטעמען. דער דריי-פעלד־סיסטעם באַשטייט אין דעם וואָס מען צעטיילט דאָס פעלד אין דריי טיילן, אין איין טייל פאַרזייעט מען ווייץ, אין צווייטן טייל האָבער, א.ד.ג. און דעם דריטן טייל לאָזט מען רוען. די פעלד־אַרבעטער אין אייראָפּע האָבן אויסגעפונען אַז אויף דעם אופן באַקומט מען אַרויס פיל מער תבואה אין דורכשניט ווי פריער. פונדעסטוועגן האָט יעדער אַקער לאַנד אין אייראָפּע ווי צבש. אין ענגלאַנד, בעלגיע, האָלאַנד, פראַנקרייך, א. א. נישט אַרויסגעגעבן מער ווי פון 6 ביז 7 בושלס ווייץ פער אַקער אין אַ יאָר. (אַ בושל ווייץ איז 60 פונט). היינט מיט מעכאַניזירטע מיטלען און מיט באַמיסטיקן די זעלבע פעלדער באַקומט מען אַרויס צווישן 30 און 40 בושלס ווייץ פון יעדן אַקער לאַנד אין איין יאָר. דאָס הייסט, אַז דורך באַנוצן זיך מיט מאָדערנער טעכניק קען מען פיל פאַרגרעסערן דעם וואוקס פון לאַנדווירטשאַפטלעכער פּראָדוקציע. ישראל באַ־ניצט זיך מיט די מאָדערנסטע מעטאָדן אין לאַנדווירטשאַפט. דעריבער קען מען זיין זיכער אַז אין משך פון די באַוואוסטע

10־8 יאָר, ווען ישראל האָבן געגוג און נאָך אפשר איבעריקע אגריקולטור־פּראָדוקטן.

באוואסערונג פון נגב

עס זענען געווען גרויסע שטחים לאנד אין אייראָפּע, אמע־ריקע, און אין אנדערע לענדער וואָס זענען נישט באארבעט געוואָרן ביז צו דער אגריקולטור־רעוואָלוציע פון 19טן י. ה. מיט די אלטע מאשינען האָט זיך נישט געלוינט צו באארבעטן די ערד. אָבער מיט די נייע מעכאניזירטע מיטלען איז זייער לייכט צו באארבעטן די דאָזיקע שטחים. די ריזיקע שטחים לאנד פון אַמעריקע און קאַנאַדע, וואָס זענען העכער מיט אַ האַלבן יאָר הונדערט צוריק נאָך געלעגן נישט באארבעט ווייל מען האָט געמיינט, אַז גראָזנלאַנד איז נישט פּאַסיק פאַר אַקער־לאַנד זענען היינט מיט דער הילף פון מאָדערנע מאשינען פארוואנדלט גע־וואָרן אין פרוכטבארע פעלדער. אויך אין ישראל זענען דאָ שטחים לאנד וואָס זענען נישט באארבעט געוואָרן אין דער צייט פון בית־שני, און וועלן געוויס היינט אויך קענען באארבעט ווערן. עס איז ריכטיק אז די גראָזנלאנד אין קאנאדע און אין אַמעריקע זענען נישט ענלעך צו די שטחים לאנד אין ישראל וואָס זענען אמאָל נישט באארבעט געוואָרן. צום ביישפּיל די שטחים פונם נגב וואָס טיילן פון זיי זענען נישט באארבעט גע־וואָרן אין דער צייט פון בית־שני. יעדער פון די דערמאָנטע שטחים האָבן זיך זיינע מעלות און זיינע חסרונות. דאָס גראָזנ־לאנד האָט פיל מער רעגן ווי דאָס נגב־לאנד און מען דאַרף עס זעלטן קינסטלעך באוואסערן. דעם נגב אָבער מוז מען קינסטלעך

באוואסערן. דאָס הייסט, מען מוז ברענגען דאָס וואַסער פון אנדערע פלעצער דורך רערן. עס איז ריכטיק אַז איריגאַציע (קינסטלעכע באוואַסערונג) איז פאַרבונדן מיט גרויסע אויסגאַבן. אָבער אַז מען וועט שוין באַוואַסערן דאָס לאַנד (דאָס קען מען טאָן מיט מאַשינען און וואַסער־רערן) דאַן וועט די ערד אין נגב ווערן פיל מער פּראָדוקטיוו ווי דאָס גראָזנלאַנד צוליב פּאַל־גנדע טעמים: ערשטנס קען דאָ וואַקסן סיי זומער און סיי ווינטער און אויף דעם גראָזנלאַנד קען וואַקסן נאָר זומער. אין נגב קענען אויך וואַקסן טראָפּישע געוויקסן וועמענס פּראָדוקטן זענען פיל טייערער ווי די וואָס וואַקסן אויפן גראָזנלאַנד. עס איז קיין שום פראַגע נישט אַז אויב מען וועט באַוואַסערן דעם נגב און אים קולטיווירן וועט דאָס אינגאַנצן ענדערן ישראלס שפּייז לאַגע.

בכדי ישראל זאָל דאָס קענען טאָן מוז זי אַריינברענגען איריגאַציע־־מאַשינען און באַשעפטיקן דערביי אַ טייל פון דער באַפעלקערונג. אמת אַז דאָס ברענגט אין די ערשטע יאָרן נאָר הוצאות און גאָרנישט קיין הכנסות. אָבער די שפּעטערדיקע רווחים וועלן די דאָזיקע הוצאות פיל מאָל דעקן. די רעגירונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס האָט איבער גענוג אַגריקולטור־פּראָדוקטן טוט די זעלבע זאַך אין קאַליפאָרניע אין די געגנטן וואָס האָבן דעם זעלבן קלימאַט ווי דער נגב האָט. אין די פּלעצער אין קאַליפאָרניע וואו די באַוואַסערונג סיסטעמען זענען שוין געמאַכט געוואָרן איז דער רווח פון דער אונטערנעמונג זייער אַ גרויסער. עס איז קיין שום פראַגע נישט, אַז אויב ישראל וועט האָבן די נויטיקע באַוואַסערונג מאַשינען וועט זי ערשט מאַכן די גרעסטע אַגריקולטור רעוואָלוציע אין איר לאַנד. פון דעם

אלעם קענען מיר מאכן דעם אויספיר אז ישראל וועט נאָך פיל מער אגריקולטור-פראָדוקטן קענען פראָדוצירן פון דער צאָל וויפיל מען האָט פראָדוצירט אין דער צייט פון בית שני.

די בערג אין מדינת ישראל אין די לעצטע 800 יאָר

בכדי מיר זאָלן קענען פארשטיין פאר וואָס ישראל וועט אין משך פון אן 8-10 יאָר יאָ קענען פראָדוצירן די שפייז וואָס זי דארף פאר איר אייגענעם געברויך און פאר וואָס זי קען דאָס איצט נישט טאָן, מוז מען וויסן וואָס מיט דער ערד אין ישראל איז געשען אין די לעצטע 800 יאָר. פאר די לעצטע 800 יאָר האָבן אין ישראל געלעבט נאָמאַדן. דאָס הייסט מענטשן וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן מיט פאשן שאָף און ציגן. שאָף, ספּעציעל ציגן, האָבן אַ טבע אַז ווען זיי פּאַשען זיך רייסן זיי אַפילו דעם וואָרצל פונעם געוויקס ארויס. מיטן וואָרצל רייסן זיי אויך מיט שטיקער ערד־אויבערפלאַך. ווען די גוס־רעגנס זענען געקומען אין ישראל האָט דער רעגן אראָפּגעשווענקט דעם ווייכן ערד-אויבערפלאַך, און אויף די בערג זענען געבליבן בלויז שטיינער. אין דער צייט פון בית שני זענען די בערג געווען באארבעט לויטן טעראסן סיסטעם. דאָס האָט צוריקגעהאלטן די ערד פון ווערן אראָפּגעשווענקט. אין פארלויף פון די לעצטע 800 יאָר זענען די טעראסן אין גאנצן פארשוואונדן. ערשט ווען די חלוצים זענען געקומען קיין ישראל האָט מען די בערג צוריק אָנגעהויבן צו טעראסירן. הייגט גייט עס מיט פיל שנעלערע טריט. אויף די ירושלימער בערג האָט מען זייט דער פראָקלאמירונג פון דער מדינה, טעראסירט שטחים אויף וועלכע מען האָט אויפגעשטעלט

36 נייע אַגריקולטור־קאָלאָניעס. דאָס איז בלויז דער אָנהויב אויף דעם געביט.

די בערג אין מדינת ישראל אין דער צייט פון בית־שני

אין דער צייט פון בית־שני זענען די בערג געווען טיילוויז באדעקט מיטביימער. ביימער האלטן אין דאָס רעגן וואסער אינעם באָדן און לאָזן עס נישט אַראָפּגעשווענקט ווערן. ווען די חלוצים זענען געקומען קיין ישראל זענען דאָרט כמעט קיין ביימער נישט געווען. איינע פון די חלוצישע אַרבעטן איז געווען צו פלאנצן ביימער. זינט די מדינה איז פּראָקלאמירט געוואָרן האָט די ביימער פלאַנצונג אין ישראל אָנגענומען אַברייטן פארנעם. עס זענען געפלאנצט געוואָרן אין משך פון די לעצטע 5 יאָר 20 מיליאָן ביימער.

טעראסן סיסטעם.

די ישראל מדינה האָט אָנגענומען א געזעץ אז מען זאָל מער קיין שאָף נישט פּאשען אויף די בערג. איצט ווערט מען ערשט דארפן אויפרייסן די שטיינער מיט דינאמיט, בכדי דער פלאץ זאָל פלאך ווערן. נאָכדעם וועט מען דארפן ברענגען ערד און מאכן טעראסן. דעמאָלט וועלן די בערג קענען ארויסגעבן אזויפיל פּראָדוקטן און נאָך פיל מער ווי אין די אמאָליקע צייטן. עס וועט נעמען יאָרן מיט א סך ארבעט ביז אלע בערג וועלן קענען טערא־סירט ווערן. מיט היינטיקע מאשינען וועט מען קענען אין פאר־לויף פון די נאָענטע 8־10 יאָר טעראסירן גרויסע טיילן פון די בערג. אין די אמאָליקע צייטן וואָלט דאָס געדארפט נעמען הונ־

דערטער יאָרן. איטאַליע, גריכנלאַנד, און אַנדערע מיטל-לענדישע לענדער וואָס זייערע בערג זענען אויך טעראַסירט האָבן דאָס געמאַכט אין משך פון הונדערטער יאָרן.

פלאַך-לאַנד

אַ חוץ דעם באַרג-לאַנד וואָס פאַרנעמט אַ גרויסן טייל פון דער ישראל-טעריטאָריע איז פאַראַן אויך פלאַכע-לאַנד אין מדינת ישראל. טיילן פון דעם פלאַך-לאַנד זענען שוין גאַנץ פּרוכטבאַר און מען פּראָדוצירט דאָרט לאַנדווירטשאַפטלעכע פּראָ-דוקטן. ביי דעם אַלעם איז דער גרעסטער טייל פון דעם פלאַך-לאַנד נאָך נישט באַאַרבעט. די סיבה דערפון איז די פאַרנאַכ-לעסיקונג פון דער ערד פאַר די לעצטע 800 יאָר. דורך דער צייט איז צעשטערט געוואָרן דער אַלטער איריגאַציע-סיסטעם וואָס די יידן האָבן געהאַט איינגעפירט מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק. דאָס האָט גורם געווען די פאַרשפּרייטונג פון מאַלאַריע אין די זומפּן און דאָס וויסט ווערן פון דרום.

חולה געגנט

די חולה-געגנט איז אַ מאַלאַריע געגענט. אין דער צייט פון בית-שני איז די געגנט געווען שטאַרק באַוואוינט. די געגנט איז 15,000 אַקער לאַנד די גרויס, אויף דעם שטח האָבן אין די לעצטע יאָרן געוואוינט עטלעכע הונדערט אַראַבישע פאַמיליעס וואָס פלעגן קרענקען אויף מאַלאַריע. דער שטח ווערט איצט אויסגעטריקנט און די מאַלאַריע ווערט באַקעמפט מיט מאַשינען און מאָדערנע אַנטימאַלאַריע מיטלען וואָס מען האָט אימפּאָרטירט.

ווען דער דאָזיקער שטח ערד וועט צוריק געווּנט געמאַכט ווערן וועט ער קענען פּראָדוצירן פאַר 10 מיליאָן דאָלער אַגריקולטור פּראָדוקטן יעדעס יאָר. 5000 אידישע פויערם פאַמיליעס וועלן קענען ציען חיונה פון דער דאָזיקער ערד. 15 טויזנט אַקער לאַנד לגבי דעם שטח פון ישראל פון 5 מיליאָן אַקער לאַנד איז זייער א קליינער פּראָצענט אין פאַרגלייך צו די פאַמיליעס וואָס וועלן דערפון א לעבן ציען.

אין דער חולה געגנט אַרבעט מען שוין מיט די אויסטרי־קענונג־מאשינען. היינט קאָסט דער ישראל רעגירונג א סך געלט דאָס אויסטריקענען די זומפּן אין חולה געגנט און קיין איינקונפט איז נאָך נישטא. ווען, אָבער, די פעלדער וועלן זיין באַזעצט וועט עס געבן פאַר 5000 יידישע פאַמיליעס פּרנסה און עס וועט איינ־שפּאָרן יעדעס יאָר אן אימפּאָרט פון 10 מיליאָן דאָלאַר אין שפּייז.

מאלאריע־ערד

אין דער צייט פון פאַרשידענע עליות האָבן זיך חלוצים באַ־זעצט אויף דער מאלאריע־ערד און א גרויסער טייל פון זיי זענען קראַנק געוואָרן און געפאַלן קרבנות פון דער קרענק. דער שטאַר־קער ווילן אָבער פון די חלוצים האָט זיי דערפירט צום זיג איבער דער נאַטור און זיי האָבן פאַרוואַנדלט די מאלאריע פאַר־שפּרייטנדיקע זומפּן אין בליענדע פעלדער.

חדרה

אין חדרה האָבן זיך באַזעצט חלוצים אין 1891. זומער נאָך זומער איז די מאלאריע קראַנקייט באַפאַלן די איינוואוינער. ביז

1910 זענען כמעט אלע ערשטע חלוצים געפאלן קרבנות פון דער מאלאריע קראנקייט. נאָר נייע חלוצים זענען געקומען און האָבן פארנומען דעם פלאץ פון די געפאלענע. קעגן דער מאלא־ריע האָט מען זיך באנוצט מיט עקאליפטוסביימער געברענגטע פון אויסטראליע. אָבער דאָס האָט ווייניק געהאָלפן. ערשט אין 1930 באנוצנדיק זיך מיט מאָדערנע אנטי-מאלאריע מיטלען איז די מאלאריע פון חדרה פארשוואונדן.. היינט איז חדרה איינע פון די געזונטסטע און בליענדיקסטע געגנדן אין לאנד. 20 טויזנט יידן לעבן היינט אין חדרה אויף א פלאץ וואו עס איז אמאָל געווען א סכנה צו וואוינען. היינט באקעמפט מען קודם די מא־לאריע און נאָכדעם באזעצט מען דאָרט די עולים.

די פּראָדוקציע אינעם נגב אין 1952

דאָס טריקענע לאנד אין ישראל (דער נגב) איז אין דער צייט פון בית שני אויך געווען טיילווייז באזעצט. די יידן האָבן געהאט פאַרשידענע איריגאַציע-סיסטעמען, מיט וועלכע זיי האָבן צוגע־בראכט וואסער צו די טריקענע פלעצער. בכדי צו קענען היינט באארבעטן דעם נגב דארף מען מאכן א קאָמפליצירטן איריגאציע סיסטעם. אַ סך פונעם וואַסער וועט מען מוזן ברענגען פונעם צפון — אזוי ווייט ווי פונעם גליל. מיט דער היינטיקער טעכניק איז דאָס נישט שווער צו מאכן. מען דארף נאָר האָבן די מאשינען דאָס צו מאכן. דער נגב האָט שוין אין 1952 באוויזן וואָס ער קען פּראָדוצירן. מיט דער איריגאציע וואָס איז ביז איצט איינ־געפירט געוואָרן האָט מען אין 1952 אָנגעהויבן צו באארבעטן דעם צפון טייל פון נגב. 250 טויזנט אקער לאַנד זענען אויפגע־

אקערט געוואָרן מיט טראַקטאָרן. עס האָבן געאַרבעט דערביי נאָר טויזנט מענטשן; די עיקר אַרבעט האָט די מאַשין געטאָן. דער שניט איז געווען 120 טויזנט טאָן גערשטן און האָבער. די ביידע אַרטיקלען האָט ישראל געדאַרפט אימפּאָרטירן ביז איצט. אָבער דאָס איז בלויז דער אָנהייב; אַז מען וועט אויפשטעלן אַ גוטע איריגאַציע סיסטעם קען דער נגב ווערן איינער פון די וויכטיקסטע שפּייז פּראָדוצירער אין ישראל.

באַפעלקערונג פון מיטל־לענדיש לאַנד (פון אַגריקולטור)

קוקנדיק צו אַנדערע לענדער וואָס האָבן מיטל־לענדיש לאַנד ווי ישראל זעען מיר אַז אין אייראָפּע זענען די לענדער זייער געדיכט באַזעצט דורך אַן אַגריקולטור באַפעלקערונג. די געגענד אַרום נעאַפּאָל אין איטאַליע, וואָס איז אויך מיטל־לענדיש לאַנד ווי ישראל, האָט צוויי טויזנט מענטשן אויף אַ סקווער מייל וואָס לעבן פון אַגריקולטור. אויף דער געגענט לעבן פּער סקווער מייל מער מענטשן פון אַגריקולטור, ווי אין יעדער אַנדערער געגנט אין אייראָפּע. אין די פּאַראייניקטע שטאַטן האָט קאַליפאָרניע מיטל־לענדיש לאַנד. די געגנט איז געווען די ערשטע וואָס איז באַזעצט געוואָרן אין מערב פון די פּאַראייניקטע שטאַטן. אין קאַליפאָרניע האָבן די מענטשן אַ העכערן לעבן סטאַנדאַרט ווי פון יעדן אַנדערן שטאַט אין די פאַרייניקטע שטאַטן. קאַליפאָרניע איז היינט דער אינדוסטריעלער צענטער אין מערב אַמעריקע. לאָס־אַנגעלעס און סאַן־פראַנציסקאָ צוויי גרויסע שטעט אין אַמעריקע וואָס געפינען זיך אין קאַליפאָרניע קענען אַ סך דאַנקבאַר זיין זייער גרויסקייט דעם פאַקט וואָס זיי ליגן אין

אַ געגנט וואָס רופט זיך מיטל־לענדיש לאַנד. אַזעלכע לענדער ווי טשילי, אויסטראַליע, דרום אַפריקע, וואָס זענען נישט שטאַרק באַוואוינט, האָבן אַ קליינעם טייל וואָס רופט זיך מיטל־לענדיש לאַנד. און דער טייל לאַנד איז דווקא שטאַרק באַוואוינט אין די אַלע דריי לענדער.

פון דעם זעט מען, אַז דאָס מיטל־לענדיש לאַנד איז זייער גינסטיק פאַר קאָלאָניזאַציע. ווי געזאָגט, איז דאָס מיטל־לענדיש לאַנד בלויז איין פּראָצענט פונעם שטח פון דער יבשה. אויף דעם איינעם פּראָצענט לעבן פיר פּראָצענט פון דער וועלט באַפעלקערונג. פון די אַלע פאַקטן קענען מיר קומען צום אויספיר אַז ישראל האָט נאָך ווייט נישט אויסגעשעפּט אירע קאָלאָניזאַציע מעגלעכקייטן.

ישראלס פאָרשריט אין אגריקולטור

וואָס האָט ישראל געטאָן בכדי צו פאַרשטאַרקן איר אַגריקולטור פּאָזיציע? אין יאָר 1948 האָט ישראל געהאַט 500 טראַקטאָרן; אין 1952 האָט זי געהאַט 3,133 טראַקטאָרן. אַנדערע אַגריקולטור מאַשינען ווי קאָמביינס א.ד.ג., האָט ישראל געהאַט 670 שטיק אין יאָר 1948. און אין יאָר 1950 איז די צאָל געשטיגן צו 2120 שטיק. מיט די מאַשינען איז ישראל טיילווייז אַריבער צו אַ מעכאַניזירטער אַגריקולטור. באַמיסטיקונגס אַרטיקלען ווי פּאָטאַש, פּראָדוצירט מען פון ים המלח. פאָספאָר וואָס איז איינער פון די וויכטיקסטע באַמיסטיקונגס מינעראַלן געפינט זיך אין נגב אין דער צאָל פון 100 מיליאָן טאָן. דעם פאָספאָר האָט מען אַנדעקט זינט די ישראל־מדנה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן.

לעצטנס האָט מען אין חיפה אויפגעבויט א פאבריק פאַר דרייסיק מיליאָן דאָלאר וואָס וועט פּראָדוצירן פונעם רוי־מאטעריאל פון נגב געַנוג פּאָספּאַר פאר אלע יידישע פארמערס.

די ישראל רעגירונג האָט אריינגעבראכט מאשינען בכדי צו טריקענען די זומפּען און צו פארטיליקן מאלאריע אין די ערטער וואו די קראַנקהייט איז נאָך דאָ. אויך האָט די ישראל רעגירונג אַריינגעבראַכט בויער־מאַשינען בכדי אויסגראָבן נייע ברונע־מער מיט נייע אוצרות פון וואַסער. זי בויט אויך טראַנספּאָר־טאציע מיטלען נעבן די נייע קאָלאָניעס בכדי זיי זאָלן זיין פאר־בינדן מיט א וועג צו דער שטאָט.

אין יאָר 1948 זענען געווען 280 קאָלאָניעס אין ישראל, ביז דעצעמבער 1952 איז די צאָל געוואקסן צו 788. אויסער די נייע אגריקולטור קאָלאָניעס, וואָס מען האָט געגרינדעט זייט ישראל איז פּראָקלאמירט געוואָרן, האָט ישראל נאָך געמוזט צוריק אויפבויען די קאָלאָניעס וואָס זענען געוואָרן באשעדיקט אין דער מלחמה צווישן ישראל מיט די אַראַבער. אויך זענען געווען דערפלעך וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן דורך דער צייט פון ווייס־בוך. די דאָזיקע דערפלעך האָבן זיך אליין נאָך נישט געקענט אויסהאלטן. די צאָל פון די דערפלעך איז געווען 110, ווען די ישראל־מדינה איז פּראָקלאָמירט געוואָרן. די אָלע קאָ־לאָניעס האלטן זיך שוין היינט אליין אויס. אין 1949 אליין האָט ישראל אויסגעגעבן קנאַפּע זעקס מיליאָן פונט, בכדי צו מאכן זעלבסשטענדיק די דאָזיקע קאָלאָניעס.

אין יאָר 1950 אליין האָט ישראל פארגרעסערט אירע וואסער ליניעס מיט 550 קילאָמעטער בכדי צו פארבעסערן דעם איר־

גאַציע סיסטעם. אין 1948 זענען זיבעציק טויזנט אַקער-לאַנד געווען באַוואַסערט דורך אַן איריגאַציע־סיסטעם. אין 1953 האָט די איריגאַציע־סיסטעם ארומגענומען איבער הונדערט מיט פער־ציק טויזנט אקער לאַנד. אין 1948 זענען נאָר פיר הונדערט טויזנט אַקער לאַנד באַנוצט געוואָרן פאַר פאַרמעריי. אין 1952 האָט מען באַארבעט א מיליאָן אקער־לאַנד. פון 1948 ביז 1952 האָט דער קרן קימת לישראל געפלאַנצט איבער פופצן מיליאָןביימער און די רעגירונג האָט געפלאַנצט איבער פינף מיליאָן ביימער.

ערד־ארבעטער אין ישראל

מען זאָגט, אַז ישראל האָט נישט גענוג ערד־אַרבעטער ווייל די באַפעלקערונג וויל זיך נישט באַזעצן אויף פאַרמס. ווי די היינטיקע סטאַטיסטיק ווייזט, איז נישטאָ קיין גרויסער מאַנגל אין פאַרמערס, עס פעלן אָבער יאָ מאַשינען און אַז עס איז נישטאָ קיין מאַשינען מוז מען זיך באַנוצן מער מיט האַנט־ארבעט. אָבער אַז עס וועלן זיין גענוג מאַשינען וועט שוין נישט עקזיסטירן קיין פראַגע פון ווייניק פאַרמערס. דעם בעסטן ביישפּיל דערפון קען מען זען אין קאַנאַדע. קאַנאַדע איז איינע פון די גרעסטע עקספּאָרטירער אין אַגריקולטור פּראָדוקטן. אין 1911 האָט זיך 34 פּראָצענט פון דער ארבעטנדיקער באַפעלקערונג אָפּגעגעבן מיט פאַרמעריי, אין 1951 האָט זיך די צאָל פאַרקלענערט צו קנאַפּע 16 פּראָצענט. אין ישראל שטייגט דער פּראָצענט. אין 1949 האָט זיך אָפּגעגעבן 13 פּראָצענט פון דער ארבעטנדיקער באַפעלקערונג מיט פעלד־ארבעט. אין 1950 האָט זיך שוין 17

פראָצענט פון דער ארבעטנדיקער באפעלקערונג אָפגעגעבן מיט פעלד־אַרבעט. מען גלויבט אַז די צאָל וועט דערגיין ביז 20 פראָצענט. אויב די 17־20 פראָצענט פון דער אַרבעטנדיקער באפעלקערונג וואָס גיבן זיך אָפּ מיט ערד ארבעט וועלן האָבן די מאָדערנע מאשינען וועט נישט זיין קיין פראגע פון ווייניק ערד־ארבעטער. ווי די לאגע זעט היינט אויס דארף ישראל פיל נויטי־קער נאָך אגריקולטור-מאשינען ווי נייע ערד־ארבעטער, בכדי זי זאָל זיין עקאָנאָמיש שטארק.

נאטור-אוצרות אין מדינת ישראל

נאטור־אוצרות אויף דער וועלט

יעדעס לאנד אויף דער וועלט האָט פארשידענע נאטור־אוצרות. איין לאנד איז רייכער אין די אוצרות און א צווייט לאנד איז ארעמער אין זיי. קיין שום לאנד פארמאָגט נישט אלע נויטיקע מינעראלן און נאטור-רייכטימער אין אירע אייגענע גרענעצן. אפילו אזא רייך לאנד ווי די פאראייניקטע־שטאטן מוזן אויך אריינברענגען פארשידענע מינעראלן און רוי־שטאָפן פון אויס־לאנד. כדי א לאנד זאָל האָבן גענוג פון אלע מנים נאטור־אוצרות, מוז עס קודם כל עקספלואטירן און אויסארבעטן אירע אייגענע נאטור-אוצרות און א טייל פון זיי אויסטוישן פאר אזעלכע נאטור רוי־שטאָפן וואָס זי פארמאָגט נישט.

עס זענען פאראן פארשידענע נאטור־רייכטימער אויף דער וועלט. אָבער נאָר איינצלנע שפילן א דעצידירנדע ראָלע אין דער היינטיקער אינדוסטריע, ווי צבש. אייזן, קופער, קוילן, אויל, פאָספאָר, פאָטאש, א.א.

ישראלס רייכקייט אין נאטור־אוצרות

ווי ווייט ישראל איז רייך אין נאטור-אוצרות קען מען נאָך היינט געננוי נישט וויסן. איין זאך אָבער איז שוין זיכער אז

ישראל איז נישט אָרעם אין די אוצרות, ווי פיל מענטשן מיינען. נישט נאָר האָט מען נאָך נישט אויסגעפּאָרשט גרינטלעך דעם נגב, וועלכער ווייזט זיך ארויס צו זיין דער רייכסטער מינעראַלן־אוצר אין ישראל, נאָר אויך די באַוואוינטע טייל פון ישראל איז נאָך ווייט נישט אויסגעפּאָרשט. בעת די ענגלענדער זענען געווען אין לאנד האָט מען נישט געגעבן קיין קאָנצעסיעס פאר פּריוואַט אונטערנעמער צו זוכן נאַטור־אוצרות. די ענגלענדער האָבן מורא געהאַט אַז אויב מען וועט געפינען אוצרות, וועט דאָס באַווייזן אַז דאָס לאנד איז נישט אזוי אָרעם ווי מען האָט געמיינט, און דאָס וואָלט פארשטאַרקט די פאָדערונגען אריינ־צולאָזן נייע יידישע אימיגראַנטן. זינט די יידישע מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן האָט מען אָנגעהויבן צו זוכן אינטענסיוו נאַטור־אוצרות. (פאָספאָר, וואָס די ישראל מדינה עקספּאָרטירט שוין איצט, האָט מען ערשט געפונען אין 1950).

דאָס זוכן די אוצרות

דאָס זוכן נאַטור־אוצרות איז פאַרבונדן מיט גרויסע אויסגאַבן. אויך דאָס אויסגראָבן און באַארבעטן די מינעראַלן איז פארבונדן מיט גרויסע הוצאות, ווארום, ביז מען קאָן די מינעראַלן צושטעלן אויפן מארק, מוז מען זיי פריער באַארבעטן אין פאבריקן מיט מאָדערנע מאשינען. ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן פריער איז די ישראל רעגירונג זייער פארנומען מיט אויפבויען די אגריקולטור און דעם טראנספּאָרט פון לאנד. (וועגן טראנספּאָרט מיטלען פון מדינת־ישראל וועלן מיר זיך אָפּשטעלן שפּעטער). אָבער, אין דער זעלבער צייט טוט זי אויך אַלץ, כדי אויסצונוצן די נאַטיר־

לעכע רייכטימער פון לאנד. די ישראל רעגירונג גיט אויך קאָנ־צעסיעס פאר פריוואטן קאפיטאל אויסצוגעפונען און צו עקס־פלואטירן די נאטור־אוצרות, אזוי צבש. האָט ישראל געגעבן צו בעלגישע אונטערנעמער קאָנצעסיעס אין די קופער מינעס, צו שווייצארישע און אמעריקאנישע אונטערנעמער צו זוכן אויל, א.א.וו. די אָפטיילונג פאר נאטור־אוצרות ביי דער ישראל רעגי־רונג העלפט אויך צו די פריוואַט-אונטערנעמער מיט געבן זיי אינפאָרמאציעס וועגן די געאָלאָגישע אויספאָרשונגען פון לאנד. די ישראל רעגירונג מאכט אויך פארשידענע פאָרשונגען אויף דעם געביט.

וויסנשאפטסלייט און ספעציאליסטן

כדי א לאנד זאָל קענען אויסנוצן די נאטור־אוצרות וואָס זי האָט, מוז זי האָבן וויסנשאפטסלייט און ספעציאליסטן אויף דעם געביט. ווען מיר זאָלן צום ביישפיל אָננעמען אז אינדיע און די פאראייניקטע-שטאטן האָבן דעם זעלבן סכום נאטור־רייכטימער, פונדעסטוועגן וועט אינדיע נישט קענען אויסנוצן זיי אין דער מאָס ווי אמעריקע. איינער פון די טעמים פארוואָס אינדיע וואָלט דאָס נישט געקענט טאָן איז דער, וואָס אינדיע האָט נישט די כעמיקער, אינזשענערן, מעכאניקער, פיזיקער, א.א.וו. אין דער צאָל ווי אמעריקע האָט זיי. גוטע וויסנשאפטלער קענען כמעט פון יעדער זאך עטוואָס פראָדוצירן. צום ביישפיל: במשך א לאנגע צייט פלעגט מען אין די אָראנזשען זאפט־פאבריקן אין מדינת ישראל אוועקווארפן דאָס איבערבלייבעכץ פון די אויס־געקוועטשטע אָראנזשען. היינט ווארפט מען עס שוין מער נישט

אוועק. ישראלס וויסנשאפטלער האָבן אויסגעפונען א מיטל ווי צו מאַכן פון דעם אַ שפּייז פאַר בהמות.

די הויך שולן אין ישראל

פון דעם איז קלאָר, אז אויב א לאנד וויל אויסנוצן אירע אלע נאַטור־רעסורסן מוז זי האָבן אין דער ערשטער ריי וויסנשאפטס־לייט, מעכאניקער און ספּעציאַליסטן. ישראל גיט היינט אן אומזיסטע דערציאונג פאר אלע קינדער אין לאנד. פון די קינדער וועלן באשטימט ארויסקומען נייע וויסנשאפטלער. דער ירושלימער אוניווערסיטעט, דער חיפהער טעכניקום און דער וויצמאן־אינסטיטוט אין רחובות גיבן ארויס יעדעס יאָר נייע קאַדרען פון יונגע געלערנטע און וויסנשאפטסלייט. פון דעם פריער געזאָגטן איז צו זען ווי וויכטיק עס איז פאַר ישראל צו פאַרמאָגן די אנטוויקלטע הויך־שולן פאר ספּעציאַליסטן. די דאָזיקע שולן און טעכניקומס וועלן דארפן פארברייטערט און פארגרעסערט ווערן סיי צוליב ישראלס פארגרעסערטער ווירטשאפט און סיי כדי אויפצונעמען דעם נייעם שטראָם פון דער שטודירנדיקער יוגנט פון ישראלס פארטאָפּלטער באפעלקערונג.

אוצרות אין ישראל

ווען איר וועט אויפמישן דאָס בוך „פאקטן און ציפערן 1953" (ארויסגעגעבן פון דער ישראל רעגירונג) אויף דער זייט פינף וועט איר געפונען אז ישראל האָט די פאָלגענדע נאַטור־אוצרות: פּאָטאש, פאָספאָר, פעלד־שפּאט, טעפער־ליים, זאמד־גלאָז, מיקאַ (שטיין־גלאָז), מאגנעזיום, מאנגאנעז (ברוינשטיין), בראָם, אייזנ־ערץ, קופּער. איצט וועלן מיר באטראכטן יעדן פון די מינעראַלן באַזונדער.

מינעראלן

פּאָטאַש

פּאָטאַש נעמט מען ארויס אין ישראל פון ים־המלח. פּאָטאַש איז זייער וויכטיק פאר באמיסטיקן די פעלדער. ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט (אין קאפּיטל וועגן אגריקולטור) האָבן די אייראָפּעאישע פעלדער אין מיטל־אלטער גענעבן זעקס בושלס ווייץ אויף אן אקער לאנד. היינט, א דאנק דעם באנוצן זיך מיט מאָדערנע באמיסטיקונג־מיטלען, גיבן די פעלדער ארויס פון 30 ביז 40 בושלס ווייץ אויף אן אקער לאַנד אין איין יאָר. פּאָטאַש איז איינס פון די וויכטיקסטע מינעראלן פאר באמיסטיקן די פעלדער. יעדעס יאָר עסן אויף די געוויקסן פונעם באָדן אויף וועלכן זיי וואקסן א באשטימטע צאָל פּאָטאַש, פאָספאָר, מיט נייטראָגען (סעליטרע־זויער־זאלץ) וואָס ווערן נישט נאטירלעך רעפּראָדוצירט צוריק אויפן זעלביקן באָדן. ווען מען גיט נישט צוריק די מינעראלן צו דעם זעלביקן באָדן, ווערט די דאָזיקע ערד יעדעס יאָר אלץ וויניקער פרוכטבאר. וואָס גרעסער עס איז דער קוואנטום פון די דאָזיקע מינעראלן וואָס דער באָדן קריגט, אלס פרוכטבארער ווערט ער. דעריבער איז זייער גרויס דער נאָכפרעג אויף די דאָזיקע מינעראלן אין די לענדער וואָס פאַרמאָגן זיי נישט אין די אייגענע גרענעצן. און ישראל? נישט נאָר באַנוצט זי זיך שוין מיט איר אייגענעם פּאָטאַש, נאָר זי קען שוין אויך עקספּאָרטירן דעם דאָזיקן מינעראַל צו פאַרשידענע לענדער, ווי: ענגלאַנד, האָלאַנד, שוועדן, א.א.

פּאָטאַסיום פון וואָס פּאָטאַש ווערט געמאַכט איז אויך וויכטיק אין דער כעמישער אינדוסטריע. פאַרשידענע מעדיצענען דאַרפן האָבן פּאָטאַסיום. פּאָטאַסיום ווערט אויך גענוצט אין דער פאַרבן־אינדוסטריע, אין פּאַפּיר־פאַבריקן, ביים פּראָדוצירן אויפרייס־שטאָפן, און שוועבלעך. לעצטנס באַנוצט מען 90 פּראָצענט פון דעם פּאָטאַסיום וואָס ווערט אויסגעאַרבעט אויף דער ערד צו מאַכן פּאָטאַש, כדי צו באַמיסטיקן די פעלדער.

די פּאָטאַש-אינדוסטריע אין סדום איז געווען נישט טעטיק פון דער צייט וואָס מדינת ישראל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן ביז מיטן 1953, ווען מען האָט פאַרבונדן סדום מיט באר־שבע דורך אַ נייעם שאָסיי־וועג. היינט פאַבריצירט די פאַבריק גענוג פּאָטאַש פאַר ישראל. מיט דער צייט וועט ישראל קענען עקספּאָרטירן פּאָטאַש פאַר 6־7 מיליאָן דאָלאַר אַ יאָר. אויף דער וועלט איז דאָ אַ גרויסע נאָכפראַגע אויף פּאָטאַש. ישראל קען איר פּראָדוקציע פאַרגרעסערן מיט דער הילף פון נייע מאַשינען, און אַזוי אַרום באַדייטנדיק פאַרגרעסערן איר עקספּאָרט.

פ אָ ס פ אָ ר

פּאָספאָר איז אַ צווייטע מינעראַל וואָס איז זייער וויכטיק אין באַמיסטיקן די פעלדער. אַ חיה אָדער פלאַנץ קען נישט עקזיס־טירן אָן פּאָספאָר. ווען פלאַנצן וואַקסן עסן זיי אויף גרויסע טיילן פון דעם פּאָספאָר פון דער ערד. מען מוז דעם פּאָספאָר צוריק־צושטעלן דער ערד דורך פּאָספאָר־מינעראַלן. חוץ דעם איז פּאָספאָר אויך וויכטיק פאַר דער כעמישער אינדוסטריע און פאַר אַנדערע אינדוסטריע צווייגן.

פאָספאָר, פון דער קוואליטעט וואָס זאָל זיך לוינען אויסצו־ארבעטן פאר באמיסטיקונגס צוועקן, איז דאָ זייער ווייניק אויף דער וועלט. די דריי גרויסע אוצרות פון פאָספאָר אויף דער וועלט זענען פאראַן אין די פאראייניקטע־שטאטן, צפון אפריקע, און אויף די אינזלען דרום פון פּאַציפישן אָקעאַן.

פאָספאָר האָט מען געפונען אין ישראל אין יאָר 1950. דעם פאָספאָר האָט אַנטדעקט יעקב בענטאָר, אַ פּראָפעסאָר פון מינע־ראלאָגיע אין ירושלימער אוניווערסיטעט. ביז מען האָט דעם פאָספאָר אנטדעקט האָט ישראל געמוזט אימפּאָרטירן 30,000 טאָן פאָספאָר יערלעך פארן אייגענעם געברויך. איצט, ווען ישראל נישט נאָר האָבן גענוג פאָספאָר פאר זיך, נאָר זי וועט נאָך האָבן אויף עקספּאָרט. מען האָט שוין אוועקגעשיקט דעם ערשטן טראַנספּאָרט פאָספאָר פון ישראל קיין איטאליע. לעצטנס האָט מען אויפגעבויט א פאבריק פון סופּער-פאָספאָר פאר 12 מיליאָן פונט (30 מיליאָן דאָלאר) אין חיפה. די מאשינען האָט מען גע־מוזט ברענגען פון די פאראייניקטע־שטאטן. דער ישראל באָנד־דרייוו האָט אינוועסטירט אין דעם א טייל פונעם נויטיקן קאַ־פּיטאל. היינט, ווען יעדעס לאנד וויל פארגרעסערן איר אגרי־קולטור־פּראָדוקציע שפּילט פאָספאָר זייער א גרויסע ראָלע. אלע אייראָפּעאישע לענדער אימפּאָרטירן פאָספאָר. אונטער די אומ־שטענדן וועט ישראל נאָך פארגרעסערן איר פאבריקאציע פון פאָספאָר און ממילא אויך איר עקספּאָרט.

מען האָט שוין אויסגעפּלאַסטערט א וועג צו דעם פּלאַץ וואו מען ארבעט אויס דעם פאָספאָר אין נגב. מען פּלאַנעוועט נאָך איבערצושטעלן די פאבריקן פון פאָספאָר פון חיפה אין א נייער

שטאַט (מקדש הגדול) וואָס מען בויט אין נגב נעבן די פאָספאָר אוצרות, ווי אויך צו פארגרעסערן די פאבריקן מיט נייע מאַשינען.

פעלד־שפּאַט

פעלדשפּאַט ווערט באנוצט צו מאכן גלאָז. ווי: פלעשער, טעלער, פענסטער־גלאָז און אנדערע גלאָזן. פעלד-שפאט ווערט אויך באנוצט אין טעפּעריי־פאבריקן. צו מאכן גוטן פּאָרצעליי און פאלשע ציין באנוצט מען זיך מיט פעלד־שפּאַט פון א ספּעציעלער קוואליטעט.

ישראל האָט גרויסע אוצרות פון פעלד-שפּאַט אין נגב. היינט באנוצט זיך ישראל בלויז מיט 1500 טאָן פון דעם מינעראל א יאָר, אָבער עס זענען דאָ אזויפיל אוצרות דערפון אין ישראל, אז עס איז דאָ פלאץ פאר נייע פאבריקן אויף דעם פעלד.

טעפּער-ליים

דאָס ליים איז נישט וויכטיק ווי אן אוצר פון רוי־מאַטעריאל, וואָס מען וועט קענען עקספּאָרטירן. עס איז אָבער וויכטיק ווי א רוי־מאַטעריאל וואָס עס לוינט זיך צו בויען ארום אים פאַרשידענע פאבריקן און דאן די פאבריצירטע זאכן צו עקספּאָרטירן. אלס ביישפּיל קען מען נעמען די פאראייניקטע שטאטן. די יערליכע פּראָדוקציע פון דעם ליים באטרעפט דאָרט אין דורכשניט די ווערט פון 50 מיליאָן דאָלאר. אָבער די פארטיקע פאבריצירטע זאכן פון דעם ליים זענען ווערט 250 מיליאָן דאלאר.

דער קוואליטעט פון דעם ליים וואָס מען האָט לעצטנס געפונען אין ישראל הייסט קאָלין, וואָס איז פון א גוטער קוואליטעט.

מען האָט געפונען אַן אוצר וואָס האָט צום ווייניקסטנס 300,000 טאָן פון דעם ליים. אין די נאָענטסטע יאָרן וועט מען שוין אַרויסנעמען פון דעם אוצר פון 10־15 טויזנט טאָן ליים יערלעך, וואָס וועט זיין גענוג פאַר ישראלס געברויך.

דער ליים וועט באַנוצט אין דער טעפּעריי און אין דער ציגל־אינדוסטריע. פון די בעסערע טיילן פון דעם ליים קען מען מאַכן גוטן פאָרצעליי. פון די אוצרות וואָס זענען דאָ אין ישראל וועט מען איצט קענען די זאַכן פאַבריצירן גענוג פאַרן אינער־לעכן געברויך און נאָך טיילווייז פאַר עקספּאָרט. די פאַראייניקטע־שטאַטן מוזן אויך אימפּאָרטירן גוטן פאָרצעליי, ווייל זיי האָבן נישט גענוג רוי־שטאָפן צו פּראָדוצירן פאַרן אייגענעם געברויך. ישראל וועט קענען טייל פון איר עקספּאָרט שיקן אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן.

זאמד־גלאָז

דער נאָמען זאָגט אויס, וואָס מען מאַכט דערפון. פון דעם זאַמד מאַכט מען אַלערליי גלאָזן. גלאָז־זאַמד באַנוצט מען צו מאַכן גלעזער צו טרינקען, שויבן און צענדליקער אַנדערע מינים גלעזער ווי די: ליכט־לאָמפּן אין אויטאָס און גלאָזוואַרג צום באַצירן די וואוינונגען. אין דער גלאָז־אינדוסטריע זענען פאַראַן זער פיל פאַרשידענע מאָדעלן און עס לוינט זיך צו עפענען נייע פאַבריקן און צו קוואַליפיצירן אין דער אויסאַרבעטונג גוטע פאַכמענער.

ביז לעצטנס האָט ישראל געמוזט אימפּאַרטירן דעם רוי־שטאָף פאַר די גלאָז־פאַבריקן. לעצטנס האָט מען געפונען אַן אוצר פון גלאָז־זאמד אין נגב פון צום ווייניקסטנס איין מיליאָן

טאָן. דער הײנטיקער געברויך פון זאמד־גלאָז איז 12,000 טאָן א יאָר. אָבער איצט, נאָכן געפונען דעם נייעם אוצר, וועלן זיך עפענען נייע פאבריקן וואָס וועלן צוזאמען מיט די אלטע פאבריקן באנוצן ביז 40,000 טאָן זאמד־גלאָז א יאָר.

מיקאַ (שטיינגלאָז)

מיקאָ איז זײער וויכטיק פאר פארשידענע אינדוסטריעס. מיקאָ ווערט באנוצט אין דער עלעקטרישע אינדוסטריע, צום באדעקן די דעכער פון בנינים, ביי פארשידענע דעקאָראציעס אין טעאטערס, צירקן און שוי־פענצטער, א.א.וו., אין דער פארבן אינדוסטריע און אין אנדערע פאבריקן.

מיקא פאַרמאָגט די אײגנשאַפט נישט דורכצולאָזן קײן עלעק־טריציטעט. קײן שום אנדערע מינעראל פארמאָגט נישט די דאָזיקע אײגנשאפט אין אזא גרויסער מאָס. דאָס מאכט מיקאָ פאר זייער וויכטיק אין דער עלעקטרישער אינדוסטריע.

מען האָט געפונען אוצרות פון מיקאָ אין ישראל. אָבער מען דארף נאָך אויספאָרשן דעם געפונענעם מיקאָ ביז וואנען מען וועט קענען באשטימען פון וואָס פאר א קוואליטעט ער איז און צו וואָס מען וועט אים קענען באנוצן; ווייל עס זענען דאָ פארשידענערליי קוואליטעטן פון דעם מינעראל.

ענערגיע - געבערס

טאָרף (קוילן)

טאָרף איז א מין קוילן צו הייצן. עס איז אָבער זייער שווער איבערצופירן פון איין פלאַץ צום צווייטן, ווייל עס פארנעמט

זייער א סך טראנספּאָרט. ווען טאָרף איז טרוקן דאַן ברענט עס זייער גוט; עס גיט זייער א הייסן פלאַם און עס האָט אויך ווייניק אש. עס ווערט גענוצט פאר הייץ-צוועקן וואו ער געפינט זיך, אָבער עס לוינט זיך נישט איבערצופירן.

גרויסע קוואַנטיטעטן פון טאָרף האָט מען געפונען אין צפון ישראל נעבן די חולה־זומפּן. מען פאָרשט איצט אויס ווי אזוי עס וועט זיך צום בעסטן לוינען צו באנוצן מיט דעם טאָרף.

אויל (פּעטראָל)

אויל איז איינער פון די וויכטיקסטע ענערגיע־געבער'ס פאַר די היינטיקע מאַשינען. בענזין וואָס ווערט אויסגעאַרבעט פון אויל טרייבט אַלע אויטאָס. אויסער דעם נעמט מען נאָך אַרויס פון אויל אַזעלכע מיני פּראָדוקטן ווי קעראָסין, נאַפט, פעך און פאַרשידענע מעדיקאַמענטן. איינע פון די וויכטיקסטע פּראָדוקטן וואָס מען נעמט אַרויס פון אויל איז דער כעמישער שטאָף, וועלכן מען באַנוצט צו שמירן די מאַשינען. דער כעמישער שטאָף איז אומ־באַדינגט נויטיק פאַר די אַלע היינטיקע מאַשינען בכדי זיי זאָלן גוט אַרבעטן.

דערווייל האָט מען נאָך נישט געפונען קיין אוצרות פון אויל אין ישראל. אבער, עס זענען דאָ גוטע אויסזיכטן, אז מען זאָל דאָרט געפינען אויל. אויל-וויסנשאפטלער האָבן אויסגעפאָרשט פארשידענע טיילן פון לאנד און האָבן געמאכט א מאפּע פון די פּלעצער ווי זיי דענקען, אז עס דארף זיך געפינען אויל.

די ישראל רעגירונג אליין האָט נישט אויפגעשטעלט קיין אייגענע אויל־קאָמפּאני. זי האָט דעם דאָזיקן געביט איבער־

געלאָזט פאַר פּריוואַטע אונטערנעמער. פאַרשידענע פירמעס און צווישן זיי אַמעריקאַנער און קאַנאַדער אויל־קאָמפּאַניעס האָבן זיך געווענדעט נאָך דערלויבענישן צו זוכן אויל אין מדינת ישראל. אייניקע פירמעס האָבן שוין געקראָגן די דערלויבעניש. זיי וועלן מוזן אינוועסטירן מיליאָנען ביים זוכן דעם אויל.

עס זענען דאָ גוטע אויסזיכטן, אַז מען זאָל געפינען אויל אין פיר טיילן פון ישראל: נגב, נעבן ים המלח, נעבן ברעג פון ים, און אין די נידעריקע טיילן פון די ישראל בערג, האָט איבערגע־געבן מר. באַל, אַ באַרימטער אויל־ספּעציאַליסט פון אַמעריקע.

דער סיני האַלב־אינזל, וואָס גרענעצט זיך מיטן נגב (געפינט זיך אונטער דעם עגיפּטישן קאָנטראָל) האָט אויך אויל. אין אַלע טיילן פון מיטל־מזרח וואו מען האָט געזוכט אויל האָט מען געפונען, איראַק, איראַן, דרום־אַראַביע, וואָס זענען טיילן פון מיטל־מזרח פאַרמאָגן גרויסע אוצרות פון אויל. ישראל איז אויך אַ טייל פון מיטל־מזרח און האָט אויך מסתמא אויל; מען דאַרף נאָר אויסגעפינען וואו ער געפינט זיך. קאַליפאָרניע אין די פאַראייניקטע־שטאַטן, וואָס האָט אַן ענלעכן קלימאַט און די זעלבע ערד ווי ישראל האָט אויך אויל. די אויל־וויסנשאַפטלער, וואָס האָבן שטודירט פאַרשידענע שטחים אין ישראל האָבן אי־בערגעגעבן זייער דערמוטיקטע רעזולטאַטן. דאָס, וואָס פּריוואַטע אויל־פירמעס זענען גרייט אַריינצולייגן מיליאָנען דאָלאַרן אינעם ווייטערדיקן פאָרשן די אויל־מעגלעכקייטן אין ישראל, איז אויך אַ דערמוטיקונג פאַר די, וואָס גלויבן, אַז עס מוז זיין אויל אין לאַנד.

ישראל האָט אַ גרויסע אויל ראַפּיניר־פאַבריק אין חיפה. פון איראַק פלעגט קומען דער אויל מיט רערן קיין חיפה און פון חיפה פלעגט ער געשיקט ווערן ווייטער. זינט מדינת ישראל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן האָט איראַק איבערגעשניטן די רערן. הײַנט מוז ישראל אימפּאָרטירן (פאַר 50 מיליאָן דאָלאַר יערלעך) אויל פון דרום אַמעריקע. אויף דעם אופן לוינט זיך פאַר די ראַפּיניר־פאַבריק צו אַרבעטן בלויז פאַר דעם ישראל געברויך. דאָס איז בלויז אַ פערטל פון די אַרבעטס מעגלעכקייטן פון די דאָזיקע פאַבריקן צו ראַפּינירן אויל. אָבער מען קען האָפן, אַז אין דער צוקונפט וועלן די ראַפּיניר־פאַבריקן קענען אַרבעטן מיט דער פולער מאָס און מיט ישראלס אויל.

מ ע ט א ל ן

עלעקטריציטעט און מאַגנעזיום

מאַגנעזיום איז דער לײַכסטער מעטאַל אויף דער וועלט. מאַג־נעזיום אין אַ צונויפשמעלצונג מיט אַלומיניום, צינק, א.אַ.וו. איז סײַ שטאַרק און אויך גרינג. די דאָזיקע צונויפשמעלצונגען זענען זייער וויכטיק ביים פאַבריצירן עראָפּלאַנען. זיי ווערן אויך באַנוצט ביים פאַבריצירן אויטאָס, באַנען און אין דער הייזער און מעבל־אינדוסטריע.

גרויסע אוצרות פון מאַגנעזיום געפינען זיך אין ים־המלח אין מדינת ישראל. כדי מען זאָל קענען אויסאַרבעטן דעם מאַג־נעזיום מוז מען קודם מאַכן ביליק עלעקטריציטעט. דער סכום פון עלעקטריציטעט איז מער ווי פערדאָפּלט געוואָרן אין די לעצטע פינף יאָר. אָבער כדי אויסצואַרבעטן מאַגנעזיום דאַרף

מען האָבן גרויסע קוואַנטיטעטן עלעקטריציטעט פאַר זייער א ביליקן פּרייז.

עס איז דאָ א פּלאַן וועגן ווירטשאַפטליכן אויפבוי פון ישראל וואָס רופט זיך דער לאָדערמילק פּלאַן, צונויפגעשטעלט פון באַרימטן אַמעריקאַנער געלערנטן וואָלטער קליי לאָדערמילק. ווען מען וועט רעאַליזירן זיין פּלאַן דאַן וועט זיין גענוג ביליקע עלעקטריציטעט אין ישראל. דער פּלאַן נעמט אויך אריין א וועג ווי אַזוי מען זאָל קענען באַזעצן צום ווייניקסטן נייע 600,000 יידן אויף ערד-אַרבעט. כדי צו פאַרווירקלעכן דעם פּלאַן וואָלט מען געדאַרפט אינוועסטירן 250 מיליאָן דאָלאַר. דער פּלאַן איז געמאַכט געוואָרן מיט צען יאָר צוריק (1942), ווען ארץ ישראל איז נאָך נישט געווען צעטיילט. איצט איז אוממעגלעך צו פאַרווירקלעכן דעם גאַנצן פּלאַן, ווייל טיילן פון דעם פּלאַן נעמען אַרום שטחים וואָס געפינען זיך איצט אונטער דעם קאָנטראָל פון דער ירדן-מלוכה. די טיילן פונעם פּלאַן, וואָס האָבן צו טאָן מיט אַגריקולטור און וואָס זענען אויף ישראלס טעריטאָריע, פירט איצט א דורך די ישראל-רעגירונג. ווען גרויסע פּריוואַט-אונטערנעמער זאָלן וועלן אדורכפירן דעם אנדערן טייל פון דעם פּלאַן וואָס האָט צו טאָן מיט עלעקטריציטעט וואָלטן זיי נישט נאָר געקענט פאַרדינען ביי דעם, נאָר זיי וואָלטן אויך געלייזט דעם פּראָבלעם פון דער עקספּלואַטאַציע פון מאַגנעזיום אין ישראל. דאָס איז אן אונטערנעמונג אין וועלכער מען דאַרף אינוועסטירן א סך קאַפּיטאַל. מען קען אָבער ראַטן גרויסע פּריוואַט-אונטערנעמער, אז זיי זאָלן זיך באַקענען מיטן טייל פונעם לאָדערמילק פּלאַן, וואָס האָט צו טאָן מיט עלעקטריציטעט. ווען

פריוואט-אונטערנעמער זאָלן דורכפירן דעם טייל פון פּלאַן, דאַן וואָלט עס געווען א גרויסע פיאָנערן־אונטערנעמונג פון פּריוואט־קאפּיטאל און אין דעם וואָלטן זיי געקריגן גוטע קאָנצעסיעס פון דער ישראל רעגירונג.

אויף יעדן פאל קען מען זיין זיכער, אז דער פּלאַן קען מיט דער צייט דורכגעפירט ווערן. דאָס וועט מאכן עלעקטריציטעט פיל ביליקער אין ישראל ווי עס איז היינט. עס וועט צושטעלן אזויפיל עלעקטריציטעט, אז עס וועט זיך לוינען צו עפענען נייע פאבריקן, וואָס וועלן ווערן געטריבן פונעם כוח פון עלעקטריציטעט אָנשטאט פון אנדערע ענערגיע געבנדיקע מיטלען. אויך וועט דאָס לייזן דאָס פּראָבלעם פון עקספּלואטירן מאגנעזיום פון ים-המלח. מאגנעזיום וועט דאַן שפּילן א גרויסע ראָל אין ישראלס אינדוסטריע. מאגנעזיום שפּילט היינט איינע פון די וויכטיקסטע ראָלן אין אלע שטארק־אינדוסטריעלע לענדער. די זעלבע ראָלע וועט ער דאַן שפּילן אין ישראל.

אייזנארץ

אייזנארץ איז אייזן צוזאמענגעבונדן מיט פארשידענע מינעראלן פון וועלכע מען קען ארויסנעמען דעם אייזן און אים באַנוצן פאַר עקאָנאָמישע צוועקן. עס זענען פאַראַן פירערליי אייזנארצן פון וועלכן מען נעמט ארויס אייזן: העמעטייט־אייזן, ליימאָנייט־אייזן מאגנעטייט־אייזן און סידערייט-אייזן.

אין מקדש־הגדול אין ישראל האָט מען געפונען ליימאָנייט-אייזן. נאָך א גרינטלעכער אויספאָרשונג וואָס האָט געדויערט פון יולי 1951 ביז מערץ 1952 זענען די וויסנשאפטלער געקומען

צום באשלוס, אז עס איז דאָ דאָרט פון 20־30 מיליאָן טאָן אייזנ־ערץ. מען האָט ארויסגעשיקט קיין אויסלאנד מוסטערן פון דעם אייזנארץ און מען האָט אויסגעפונען, אז מען קען פון אים ארויס־באקומען פון 40 ביז 45 פראָצענט אייזן. אין די פאראייניקטע־שטאטן ארבעט מען אויס דעם זעלבן אייזנארץ אין אלאבאמא. דער דורכשניט איז דאָרט 44 פראָצענט אייזן. ווען פון דעם זעלבן אייזנארץ קריגט מען ארויס 35 פראָצענט אייזן, רעכנט מען דאָס אין טייל איראָפעאישע לענדער עקאָנאָמיש ווערט גענוג אים אויסצוארבעטן.

לעצטנס האָט מען געפונען אין נגב א נייעם אוצר פון אייזנ־ערץ אין פארן. עס ווייזט זיך ארויס, אז דאָרט איז דאָ אן אייזנ־ערץ, וואָס האָט פון 55 ביז 65 פראָצענט אייזן. אזא מין אייזנארץ הייסט רייך אפילו לויט דעם סטאנדארט פון אייזנארץ אין דער וועלט. די פאָרשער פון נאטור־אוצרות אין ישראל האָבן באַ־שטימט זיך מער צו קאָנצענטרירן אין אויספאָרשן די מעגלעכ־קייטן פון דעם נייעם אוצר. מען דארף נאָך פארשידענע זאכן אויספאָרשן, ווי צום ביישפיל דעם סכום פון אייזנערץ, וואָס איז קאָנצענטרירט אין דעם נייעם אוצר און די גענויע מעטאָדן פון פּראָדוצירן אים. אויף יעדן פאַל, צי מען וועט זיך מוזן באַנוצן מיטן ערשטן אייזן־־אוצר, אָדער צי דער צווייטער אוצר וועט זיך ארויסווייזן צו פארמאָגן גענוג גרויסע סכומען אז עס זאָל זיך לוינען אים צו באארבעטן אין ביידע פאלן קען מען זיך זיכער, אז מיט דער צייט וועט ישראל זיך באנוצן מיט איר איי־גענעם אייזן. עס איז ממש אוממעגלעך אָנצוגעבן אלע אינדוסט־ריעס אין וועלכע אייזן ווערט אלץ גענוצט. מען קען זאָגן, אז

עס איז ממש נישטאָ קיין אינדוסטריע אין וועלכער מען זאָל זיך נישט באנוצן מיט אייזן אויף דעם אָדער יענעם אופן. אלע אנדערע מעטאלן צונויפגענומען ווערן נישט גענוצט אזויפיל וויפיל אייזן אליין. אויסער די זאכן וואָס מיר זעען יעדן טאָג און מיר ווייסן אז עס קומט אין זיי אריין שטאָל (וואָס ווערט געמאכט פון אייזן), צום ביישפיל: אויטאָס, באנען, שיפן, עראָ-פלאנען, פאבריק-מאשינען, קיך־געשיר, קומט נאָך אריין שטאָל אין די אלע מאשינען, וואָס ארבעטן אויס די זאכן, ווי אויך אין פעלד־ארבעט מאשינען, געביידעס, און כמעט אין אלערליי וואָפנס, און אין טויזנטער אנדערע זאכן.

כאָטש ישראל האָט איינגעפירט שפּאָרזאמקייט (צנע) און קאָנטראָלירט שטארק דעם אימפּאָרט און כאָטש די שווער־אינ-דוסטריע הייבט זיך ערשט דאָרט אָן צו בויען, פונדעסטוועגן מוז ישראל אימפּאָרטירן יעדעס יאָר פאַר 25 ביז 30 מיליאָן דאָלאר אייזן מאטעריאלן. אז מען וועט די שפּאָרזאמקייט פון אייזן אוועקנעמען און די שווער־אינדוסטריע וועט שוין זיין אנטוויקלט, דאן וועט ישראל זיך באנוצן מיט פיל מער אייזן. פון דעם איז צו זען, ווי וויכטיק דער אייזן איז אין ישראלס עקאָנאָמיע. ווען מען וועט אים שוין קענען נוצן פון די אייגענע רעסורסן, וועט דאָס איינשפּאָרן איינע פון די גרעסטע אימפּאָרט־פּראָדוקטן פון לאנד. דאָס אייזן וועט אויך העלפן אנטוויקלען נייע אינדוסטריעס אין לאנד.

קיין שום מעטאָל ווערט נישט באַנוצט חיין, (אויסער קופּער אין עלעקטריציטעט וואָס ווערט יאָ באַנוצט ריינערהייט). ריינער אייזן איז זייער ווייך. די אַלע זאַכן וואָס מען מאַכט פון אייזן,

מאַכט מען נישט פון ריינעם אײַזן, נאָר פון שטאָל. שטאָל איז אַ צוזאַמענבונד פון אײַזן מיט אַנדערע מעטאַלן, אָדער מיט קאַר־באָן, בכדי עס זאָל קענען ווערן באַנוצט צו די אַלע אויבנדער־מאָנטע זאַכן. מאַנגאַנעז־שטאָל איז דער האַרטסטער שטאָל אין דער וועלט. מאַנגאַנעז־שטאָל איז צום ערשטן מאָל געמאַכט געוואָרן דורך ראָבערט האַדפילד אין 1882 פון איין פּראָצענט קאַרבאָן, דרייצן פּראָצענט מאַנגאַנעז און 86 פּראָצענט אײַזן. מאַנגאַנעז־שטאָל ווערט באַנוצט כמעט אין אַלע שווער־אינ־דוסטריעס. באַן־רעלסן דויערן פון זעקס ביז זיבן מאָל לענגער ווען מען באַנוצט זיך מיט מאַנגאַנעז־שטאָל ווי ווען מען באַנוצט זיך מיט אַנדערן שטאָל.

כדי אַ לאַנד זאָל קענען מאַכן מאַנגאַנעז־שטאָל מוז עס צום אַלעם ערשטן האָבן מאַנגאַנעז און אײַזן. די ביידע מעטאַלן האָט ישראל. מאַנגאַנעז איז פאַראַן נעבן אילת אין ישראל. מיט קיין איינעם פון די מעטאַלן באַנוצט מען זיך דערווײַל נישט אין ישראל. מען דאַרף נאָך ביידע מעטאַלן אויספאָרשן ביז ווען מען וועט קענען באַשטימען ווי אַזוי עס איז מער עקאָנאָמיש זיך מיט זיי באַנוצן. אויך וועט מען דאַרפן אַרײַנברענגען מאַשי־נען, בכדי מען זאָל קענען די מעטאַלן עקספּלואַטירן. ישראל האָט אינוועסטירט צוויי מיליאָן פונט אין יאָר 1952 אין די קופּער און מאַנגאַנעז מינעס (ביידע געפינען זיך נעבן אילת), און אויך 700,000 פונט בכדי ווײַטער אויסצופאָרשן די אוצרות פון אײַזנ־ערץ. קופּער וועט מען שוין פּראָדוצירן אין 1954. אײַזן מיט מאַנגאַנעז וועלן אויך באַשטימט שפּילן זייער אַ וויכטיקע ראָלע אין דער צוקונפט פון מדינת ישראל.

מאַנגאַנעז איז נויטיק, כדי צו קענען פּראָדוצירן אַ גוטן קוואַ־ליטעט שטאָל. מאַנגאַנעז איז אויך וויכטיק אין דער כעמישער אינדוסטריע. אָבער צום וויכטיקסטן איז מאַנגאַנעז אין דער שטאָל-אינדוסטריע. עס איז פאַראַן אַ ספּעציעלע שטאָל, וואָס מען רופט אים מאַנגאַנעז-שטאָל. מאַנגאַנעז נעמט אַוועק די אומרייניקייטן פון שטאָל, ווי זויער־שטאָף און שוועבל. עס גיט אויך צו פאַרשידענע גוטע קוואַליטעטן צום שטאָל. מאַנגאַנעז שטאַרקט דעם שטאָל און האַלט אים צוריק פון אָפּנוצונג און צעפרעסונג. מאַנגאַנעז שטאָל איז פיל בעסער צו נוצן פאַר שווערע מאַשינען ווי אַנדערער שטאָל. ער ווערט אויך גענוצט אין דער עלעקטרישער־אינדוסטריע.

אינדיע, רוסלאַנד, אַפריקע, בראַזיליע פּראָדוצירן 90 פּראָצענט פונם מאַנגאַנעז פון דער וועלט. די פאַראייניקטע־שטאַטן פּראָדו-צירן ווייניק מאַנגאַנעז. דער רוב פונם מאַנגאַנעז, וואָס ווערט פאַרנוצט אין די פאַבריקן פון די פאַראייניקטע־שטאַטן, ווערט אימפּאָרטירט. די פאַראייניקטע־שטאַטן, ענגלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, יאַפּאַן, בעלגיע, די אַלע לענדער מיט גרויסע שטאָל-אינדוסטריעס מוזן אימפּאָרטירן גרויסע סכומען מאַנגאַנעז.

בעת די מינעראַלן פאָרשונגען אין נגב האָט מען געפונען מאַנגאַנעז-אוצרות נעבן אילת. כדי צו אַנטוויקלען די דאָזיקע געפונענע מאַנגאַנעז־מינעס פאָדערן זיך גרויסע סכומען פון קאַפּיטאַל און פיאָנערישע אָנשטרענגונג. די ישראל פאָרשער־האָבן דעריבער רעקאָמענדירט איבערצולאָזן די עקספּלואַטאַציע פון מאַנגאַנעז אויף שפּעטער. דערווייל איז דרינגענדער זיך צו

קאָנצענטרירן אויף דער עקספּלואַטאַציע פון די קופּער און אײַזן אוצרות.

קופּער

קופּער איז שוין באַנוצט געוואָרן מיט טויזנטער יאָרן צוריק ביים אויסאַרבעטן פאַרשידענע כלים. היינט אין קופּער איינער פון די וויכטיקסטע מעטאַלן אין דער אינדוסטריע. קופּער איז דער בעסטער דורכפירער פון עלעקטריציטעט (אויסער זילבער וואָס האָט אַביסל אַ העכערע דורכפירונגס־קראַפט ווי קופּער). דעריבער איז קופּער דער וויכטיקסטער מעטאַל אין דער עלעקטרישער אינדוסטריע. אַ העלפט פון דעם אַרויסבאַקומענעם קופּער אין דער וועלט נוצט מען ביים אויסאַרבעטען עלעקטרישע מכשירים, ווי: ראַדיאָס, עלעקטרישע דראָטן, רעפּרידזשערייטאָרס און צענדליגער אַנדערע עלעקטרישע אויסאַרבעטונגען. קופּער ווערט אויך גענוצט אינעם ראַדיאַטאָר פאַר אויטאָס און עראָפּלאַנען, ווייל ער איז אַ גוטער דורכפירער פון היץ.

אין דער עלעקטרישער אינדוסטריע באַנוצט מען זיך כמעט נאָר מיט ריינעם קופּער. ריינער קופּער, אָבער, איז זייער ווייך; דעריבער מוז מען אים פאַרבינדן מיט אַן אַנדערן מעטאַל, כדי מען זאָל קענען דערפון פּראָדוצירן כלים. עס ווערן געמאַכט זייער אַ סך פאַרבינדונגען פון קופּער מיט אַנדערע מעטאַלן. פון קופּער מיט צינק ווערט געשאַפן מעש. פון קופּער מיט צין קומט אַרויס בראָנז. פון קופּער מיט מאַנגאַנעז קומט אַרויס אַ מאַנגאַנעז־בראָנז. פון די געמישטע מעטאַלן מאַכט מען פאַרשידענע אויסאַרבעטונגען, ווי: כלים, מטבעות, א. אַ. וו.

דער נאָכפרעג אויף קופּער איז זייער אַ גרויסער. די באַוואוסטע וועלט־אוצרות פון קופּער זענען זייער באַגרענעצטע. וויסנשאַפט־לער האָבן מורא אַז אין דער נאָענטסטער צייט וועט שוין זיין אַ מאַנגל אין קופּער.

אין תנ״ך ווערט דערמאָנט, (דברי הימים ב׳, קאַפּיטל ד׳ פּסוק י״ז) אַז שלמה המלך האָט געהאַט גיסערייען פון קופּער. אויף דעם סמך האָבן וויסנשאַפטלער אָנגעהויבן זוכן קופּער גלייך ווי די יידישע מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן. מען האָט געפונען אוצרות פון קופּער נעבן אילת אין נגב. איצט אימפּאָר־טירט ישראל קופּער פאַר איר געברויך. אין 1954 וועלן שוין די אייגענע מינעס צושטעלן דעם קופּער. ישראל האָט געמאַכט אַן אָפּמאַך מיט אַ בעלגישער קאָמפּאַני וואָס וועט צושטעלן מעכאַני־קער צו באַאַרבעטן די אוצרות. די דאָזיקע קאָמפּאַני האָט אויך גענומען אויף זיך די אויפגאַבע צו עקספּאָרטירן דעם עודף פונעם קופּער וואָס וועט בלייבן נאָכן דעקן דעם אינערלעכן געברויך.

די אוצרות פון מאַנגאַנעז אין ישראל געפינען זיך נעבן די אוצרות פון קופּער ביי אילת. כדי מען זאָל קענען דיביידע אוצרות עקספּלואַטירן מוז מען צום אַלעם ערשטן בויען אַ וועג פון אילת קיין באר־שבע. (זע קאַפּיטל „טראַנספּאָרט אין ישראל״).

עקספּלואַטאַציע פון די אוצרות

כאָטש דאָס זוכן נאַטור־אוצרות אין ישראל האָט זיך ערשט אָנגעהויבן מיט פינף יאָר צוריק (1948), און ביז איצט האָט מען ערשט אויסגעפאָרשט בלויז קליינע טיילן פונעם לאַנד, פונדעסט־

וועגן האָט מען שוין געפונען די אַלע אויבנדערמאָנטע נאַטור־רייכטימער. פון די אוצרות וואָס מיר האָבן אויסגערעכנט איז צו זען, אַז ישראל איז נישט אָרעם אין נאַטור־רייכטימער. זי איז אָבער יאָ אָרעם אין די מעגלעכקייטן די אוצרות צו עקספּלואַטירן און זיי אויסצואַרבעטן.

פונדעסטוועגן באַנוצט מען זיך שוין היינט מיט ישראלס פאָספאַר, פּאָטאַש, פעלד־שפּאַט און זאַמד־גלאָז. די אַלע רוי־שטאָפן האָט מען פאַר פינף יאָר צוריק געמוזט אימפּאָרטירן. היינט עקספּאָרטירט מען שוין טיילן פון די דאָזיקע פּראָדוקטן. קופער וועט מען שוין אויך אין 1954 נישט דאַרפן אימפּאָרטירן. און אין די נאָענטסטע יאָרן וועט עס שוין זיין אַן עקספּאָרט מעטאַל. מען דאַרף נאָך אַ סך אַרבעט און קאַפּיטאַל אריינלייגן אינעם מאַגנעזיום, אייזן און מאַנגאַנעז, כדי מען זאָל זיי קענען עקספּלואַטירן. אָבער ווען מען וועט זיי שוין עקספּלואַטירן, דאַן וועט ישראל זיי שוין נישט דאַרפן אימפּאָרטירן. זי וועט נאָך קענען פון די מעטאַלן עקספּאָרטירן.

פּריוואַט־אונטערנעמער ביים זוכן נייע אוצרות

דאָס זוכן נאַטור־אוצרות אין ישראל ווערט יעדעס יאָר אַלץ מער אינטענסיווער. ישראל גיט איבער צו פּריוואַט־אונטערנעמער דאָס זוכן פון אוצרות מיט קאָנצעסיעס זיי צו עקספּלואַטירן, אויב זיי וועלן אַזעלכע געפינען, אויב די דאָזיקע איניציאַטאָרן זענען גרייט אינוועסטירן דערין דעם נויטיקן קאַפּיטאַל. אַזוי צום ביישפּיל האָט ישראל איבערגעגעבן דאָס זוכן פון אויל צו פאַרשידענע פּריוואַט־פירמעס.

עס זענען דאָ גוטע אויסזיכטן, אַז מען זאָל נאָך געפינען אוצרות אין ישראל דירעקט אָדער אומדירעקט. דירעקט מיינט, אַז ביים זוכן אַ מינעראַל וועט מען טאַקע געפינען דעם זעלבן מינעראַל. אומדירעקט הייסט, אַז ביים זוכן איין מינעראַל וועט מען געפינען אַ צווייטן. אויפן זעלבן אופן האָט מען געפונען די מינעראַלן אין אַנדערע לענדער. אין אַנדערע לענדער וואָס זענען רייך אין מינעראַלן זוכט מען זיי שוין זינט הונדערטער יאָרן און וואָס מער מען זוכט, אַלץ מער געפינט מען. אויך אין ישראל אַז מען וועט ווייטער זוכן וועט מען באַשטימט זיך אָנטרעפן אויף פאַרשידענע נייע נאַטור־אוצרות.

סיי די אוצרות וואָס מען האָט שוין געפונען, סיי די וואָס מען וועט נאָך מסתמא אַנטדעקן, וועלן העלפן באַלאַנסירן דעם עקספּאָרט־אימפּאָרט פון ישראל. אָבער איין זאַך איז קלאָר, אַז מען מוז אויפהערן קוקן אויף ישראל ווי אויף אַ לאַנד וואָס איז אָרעם אין נאַטור־אוצרות, ווייל עס האָט זיך אַרויסגעוויזן דאָס פאַרקערטע. מען דאַרף אָבער קוקן אויף ישראל ווי אויף אַ לאַנד, וואו מען דאַרף אַריינלייגן וואָס מער קאַפּיטאַל, כדי מען זאָל קענען באַארבעטן די אלע נאַטור־רייכטימער.

אינדוסטריע אין מדינת ישראל

וויכטיקייט פון אינדוסטריע

אַ שטאַרקע און גוט אויפגעבויטע אינדוסטריע (סיי די קליין־אינדוסטריע סיי די א. ג. שווער-אינדוסטריע) איז זייער וויכטיק כדי אַ לאַנד זאָל זיין עקאָנאָמיש זעלבסטשטענדיק. ענגלאַנד האָט אין 17 י. ה. געהאַט אַ באַפעלקערונג פון 5 מיליאָן מענטשן. היינט האָט זי אַ באַפעלקערונג פון 50 מיליאָן. זי קען אויסהאַלטן אַזאַ גרויסע באַפעלקערונג נאָר אַ דאַנק איר שטאַרק אנטוויקלטער אינדוסטריע. אין נאַטור־אוצרות איז ענגלאַנד נישט רייך; אַגרי־קולטור פּראָדוקטן מוז זי אין גרעסטן טייל אימפּאָרטירן. 75 פּראָצענט פון איר ווייץ אימפּאָרטירט זי. ענגלאַנד האָט דערפאַר אַ שטאַרקע אינדוסטריע (קליין־אינדוסטריע און שווער־אינ־דוסטריע) און דאָס האָט איר דערמעגלעכט צו פאַרצענפאַכיקן איר באַפעלקערונג אין אַזאַ קורצער צייט.

קליין-אינדוסטריע

אַ קליין־אינדוסטריע, ווי: טעקסטיל, שיך, קאָנסערוון־פאַבריקן א. ד. ג. האָט ישראל געהאַט אַ גאַנץ גוט אַנטוויקלטע אויך פאַר דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה. די קליין־אינ־דוסטריע איז געבויט געוואָרן דורך יידן, וואָס זענען געקומען

פון אייראָפּע קיין ישראל. יידן האָבן פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין דער קליין-אינדוסטריע אין אייראָפּע. ווען זיי זענען געקומען קיין ישראל האָבן זיי מיטגעבראַכט זייערע דערפאַרונגען און אויך מאַשינען און האָבן אין ישראל איבערגעבויט זייערע פאַבריקן. מערסטנטייל איז די קליין־אינדוסטריע געווען געבויט צו פּראָדוצירן זאַכן פאַרן קאָנסומערס געברויך. היינט קומען פאָר ענדערונגען אין דעם געביט. די ישראל רעגירונג דערמוטיקט די אַלע פאַבריקן צו פּראָדוצירן מער פאַר עקספּאָרט. קאָמפּאַניעס קריגן דאָלאַרן, כדי זיי זאָלן קענען קויפן די נייע מאָדערנסטע מאַשינען. מיט זיי קען מען אויסאַרבעטן אַלערליי טעקסטילן, שיך, א. ד. גל. פּונקט אַזוי ביליק ווי אין אַנדערע לענדער און אַזוי אַרוםביישטיין די קאָנקורענץ אויפן וועלט־מאַרק.

רוי־שטאָפן

ביז איצט פלעגט מען שטענדיק אימפּאָרטירן די רוי־שטאָפן ווי: קאָטן (באַנוול), פלאַקס, פּאַפּיר (פאַר דער פּלאַסטיק־אינדוסטריע) און נאָך צענטליקער אַנדערע רוי־שטאָפן פאַר דער קליין־אינדוסטריע. היינט הייבט מען אָן די אַלע זאַכן צו אַנטוויקלען אין לאַנד גופא. פּאַפּיר פאַר די פּלאַסטיק-פאַבריקן וועט מען שוין קריגן פון דער פּאַפּיר־פאַבריק אין חדרה. נאָך אַ פאָרשונג פון דריי יאָר האָט מען אין 1952 פאַרפלאַנצט פלאַקס אויף טויזנט דונאַם באָדן. אין 1953 האָט מען פאַרגרעסערט דעם שטח צו דריי טויזנט דונאַם. מען גלויבט, אַז אין 1957 וועט מען שוין פלאַנצן פלאַקס אויף הונדערט טויזנט דונאַם, וואָס וועלן אַרויסגעבן פופציק טויזנט טאָן פלאַקס. דאָס וועט נישט

נאָר געגנוג זיין פאַרן ישראל־געברויך, נאָר מען וועט נאָך קענען אַ טייל דערפון עקספּאָרטירן.

עקספּאָרט אין קליין־אינדוסטריע

מדינת ישראל האָט געמאַכט אַ גרויסן פאָרשריט אינעם עקספּאָרט פון אויסאַרבעטונגען אין דער קליין־אינדוסטריע. פּלאַסטיק־סחורות, וואָס מען האָט אין די לעצטע יאָרן אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן אין ישראל זענען זייער גוט אויפגענומען געוואָרן אין די סקאַנדינאַווישע לענדער. די נייע שיך־פאַבריק וואָס האָט זיך געעפנט אין ירושלים עקספּאָרטירט שיך קיין אַמעריקע, ענגלאַנד און אַנדערע לענדער. די נייע ניילאָן־פאַבריק, וואָס די לאָדאָציע־קאָמפּאַניע האָט געעפנט אין חולון קריגט באַשטעלונגען פון אַזעלכע לענדער ווי: שווייץ, שוועדן, פינלאַנד, א. אַ. אויך אַנדערע טעקסטילן פון ישראל ווערן שוין פאַררעכנט אַלס קאָנקורענץ־פעיק אויפן וועלט־מאַרק, און ווערן געזוכט אין פאַרשידענע לענדער. פון דעם קענען מיר זען אַז כאָטש די קליין־אינדוסטריע איז שוין אויף אַ גאַנץ גוטער מדרגה, פונדעסטוועגן איז נאָך דאָ אַ סך וואָס מען קען פאַרבעסערן, כדי מען זאָל אַלע פאַבריקן ברענגען צו דער מדרגה, אַז זיי זאָלן זיך באַנוצן מיט די מאָדערנסטע מאַשינען און מעטאָדן, כדי זיי זאָלן קענען עקספּאָרטירן אַ געוויסן סכום פון זייערע סחורות.

שווער־אינדוסטריע, די פּאַפּיר־פאַבריק

אַ גאַנץ צווייט בילד באַקומען מיר ווען מיר גיבן אַ קוק אויף דער שווערער אינדוסטריע אין ישראל. איידער מדינת

ישראל איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, איז אינגאַנצן נישט געווען אַזאַ זאַך ווי שווער-אינדוסטריע דאָרט. יידן אין גלות גיבן זיך כמעט נישט אָפּ מיט דעם. ווען יידן זענען געקומען פון איראָפּע קיין ישראל האָבן זיי מיט זיך נישט מיטגעבראַכט קיין שום דערפאַרונג אין דעם צווייג פון אינדוסטריע. די אַלע דערפאַרונגען מוזן ישראל־סטודענטן לערנען אין פרעמדע לענדער. און ביז דעמאָלט מוזן אַרבעטן אויסלענדער אין ישראלס שווער־אינדוסטריע. צום ביישפּיל אין דער פּאַפּיר־פאַבריק אין חדרה, האָט מען געמוזט ברענגען פּאַפּיר־ספּעציאַליסטן פון אויסלאַנד. עס וועט נעמען לכל הפּחות פון 5 ביז 6 יאָר ביז מען וועט קענען אויסלערנען דאָס פאַך ישראל־ספּעציאַליסטן. אין בראַנדייס־אינסטיטוט אין ירושלימער אוניווערסיטעט לערנט מען שוין סטודענטן ווי אַזוי אַ מאָדערנע פּאַפּיר־אינדוסטריע ווערט געפירט. אין אַמעריקע דויערט 10 יאָר ביז וואַנען איינער ווערט אַ גוטער מעכאַניקער ביי אַ פּאַפּיר־פאַבריק. מען גלויבט, אַז אין ישראל וועלן זיך איינצלנע סטודענטן קענען אויסלערנען דאָס פאַך אין פאַרלויף פון 5 ביז 6 יאָר. דאַן וועלן זיי שוין קענען לערנען אַנדערע. די זעלבע שוועריקייטן חזרן זיך איבער אויך אין אַנדערע צווייגן פון דער שווער־אינדוסטריע. פונדעסטוועגן האָט ישראל געמאַכט גרויס פאָרשריט אויך אין שטח פון גרויס־אינדוסטריע.

אויטאָס־פאַבריק

די קייזער־פרייזער־פאַבריק, וואָס האָט זיך געעפנט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק אין חיפה, האָט פּראָדוצירט ביז 1953 זיבן

טויזנט און פינף הונדערט אויטאָס און לאַסט־אויטאָס. מערסטנ־טייל זענען די אויטאָס עקספּאָרטירט געוואָרן. אָבער אַ צאָל זענען אויך געבליבן אין לאַנד. ווען די פאַבריק האָט זיך געעפנט, האָט זי אַלע מאַטעריאַלן געדאַרפט אימפּאָרטירן. היינט שאַפן זיך פאַבריקן, וואָס וועלן צושטעלן כמעט אַלע מאַטעריאַלן פאַר איר. אַזעלכע אַרטיקלען ווי: גומענע־רעדער, פאַרזיכערונג־גלאָזן, גומע און פּלאַסטיק טיילן, באַטעריעס, ראַדיאָס, פאַרבן און נאָך אַנדערע אַרטיקלען ווערן שוין אויסגעאַרבעט אין ישראל פאַר דער פאַבריק. שטאָל וועט זי אין נאָענטסטן עתיד אויך נישט דאַרפן אימפּאָרטירן. אַ שטאָל פאַבריק עפנט זיך איצט לעבן אַקראַ דורך דער קור־קאָמפּאַניע. אויך דעם קופּער וואָס די קייזער־פרייזער פאַרנוצט וועט זי שוין אין 1954 נישט דאַרפן אימפּאָרטירן.

גומענע־רעדער פאַבריקן

צוויי גרויסע פאַבריקן צו מאַכן גומענע־רעדער האָבן זיך געעפנט אין ישראל: איינע אין חדרה, די אַנדערע אין פּתח־תקוה. ביז איצט האָט ישראל געמוזט אימפּאָרטירן די רעדער וואָס די אויטאָס, לאַסט־אויטאָס און אויטאָבוסן האָבן פאַרנוצט. אויסער דעם וואָס די צוויי קאָמפּאַניעס וועלן צושטעלן גענוג רעדער פאַרן ישראל־געברויך, וועלן זיי נאָך קענען עקספּאָרטירן אַ העלפט פון זייער אויסאַרבעטונג. די רויע גומי וואָס וואַקסט אין די רעגן־טראָפּישע לענדער מוז ישראל אימפּאָרטירן. אויך די פאַראייניקטע־שטאַטן, וואָס האָט די גרעסטע גומי־אינדוסטריע פון דער וועלט (אין אַקרון, אָהייאָ), מוז דעם רויען גומי אימ־פּאָרטירן. ישראל וועט עקספּאָרטירן גומי־רעדער און מיט דעם

וועט זי קענען טיילווייז באַלאַנסירן איר אימפּאָרט פון רויער גומי. וויסנשאַפטלער אין ישראל פאָרשן אויפן געביט פון מאַכן סינטעטישע גומי. ס'קען זיין אַז מיט דער צייט זאָל זיך לוינען צו מאַכן סינטעטישע גומי איידער אימפּאָרטירן די גומי.

שטאָל־אינדוסטריע

אַ שטאָל־פאַבריק עפנט זיך איצט לעבן אקרא, דורך דער קור־קאָמפּאַניע. די קאָמפּאַניע אינוועסטירט 15 מיליאָן דאָלאַר אין דער פאַבריק. דערווייל וועלן זיי מוזן אימפּאָרטירן דעם אייזן מיטן מאַנגאַנעז, אָדער אַנדערע רוי־מאַטעריאַלן צו פּראָדוצירן דעם שטאָל. אַזוי טוען אויך אַנדערע לענדער ווי: שווייץ, איטאַליע, א. אַ. וואָס האָבן נישט קיין אייזן. אין ישראל איז אָבער דאָ גוטע אויסזיכטן, אַז מיט דער צייט זאָל מען זיך קענען באַנוצן מיט אייזן און מאַנגאַנעז פון ישראל גופא.

מיר האָבן שוין באַמערקט אויבן, אַז אייזן קען מען נישט נוצן צו קיין שום זאַך. דעריבער מישט מען אייזן מיט אַנדערע מעטאַלן אָדער מיט קאַרבאָן און דאַן קומט אַרויס שטאָל. מיר האָבן שוין אויך דערמאָנט, אַז די וויכטיקסטע מעטאַל־גיסונג אין דער היינטיקער אינדוסטריע איז שטאָל. פון שטאָל מאַכט מען באַנען, אויטאָס, מאַשינען, א. ד. ג. כדי אַ לאַנד זאָל קענען גוט אַנטוויקלען איר שווער־אינדוסטריע, מוז זי צום אַלעם ערשטן אויפבויען שטאָל־פאַבריקן. דעריבער באַדייט דאָס אויפבויען די שטאָל־פאַבריק לעבן אקרא אַן אָנהויב פון שטעלן ישראלס שווער־אינדוסטריע אויף אַ געזונטן פונדאַמענט. אַרום אַ שטאַרקער שטאָל־אינדוסטריע קען מען אַנטוויקלען אַנדערע גרויסע

פאַבריקן און אויך פאַרגרעסערן די פאַבריקן, וואָס זענען שוין דאָ אין דער ספערע.

וואַסער־רערן־פאַבריק

אין ישראל האָבן זיך געשאַפן גרויסע רערן־פאַבריקן. דאָס איבערפירן פון וואַסער פון צפון קיין דרום איז איינע פון די וויכטיקסטע אונטערנעמונגען אין ישראל, אויב מען וויל אַז ישראל זאָל קענען פּראָדוצירן גענוג שפּייז פאַר זיך. פריער פלעגט ישראל אימפּאָרטירן רערן. היינט פּראָדוציט די יובל־גד־פאַבריק נעבן מגדל־אשקלון גענוג רערן פאַר ישראל. אויסער רערן וואָס מען אַרבעט אויס געווענליך פון שטאָל, מאַכט אויך די קאָמפּאַניע רערן פון אַ פאַרבינדונג פון: צעמענט, שטיין־פלאַקס און אַביסל אייזן. די רערן זענען מער עקאָנאָמיש און אויך דויערהאַפטיקער.

רערן וועלן נאָך לאַנג שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין ישראל. ביז איצט באַנוצט מען זיך ערשט מיט איין פינפטל פון דעם וואַסער אין ישראל. ווען נייע רערן קומען אַרויס פון דער פאַבריק באַטייט עס, אַז נייע טיילן פון לאַנד וועלן זיין אונטער אירינגאַציע. נייע טיילן פונעם לאַנד אונטער איריגאַציע באַטייט, אַז נייע סכומים תבואה וועלן וואַקסן; און דאָס באַטייט אַ קלענערער אימפּאָרט פון עסנוואַרג. די וויכטיקייט פון אַ קלענערן אימפּאָרט פון עסנוואַרג דאַרף מען גאָר נישט דערקלערן.

בוי־אינדוסטריע

אין אַ לאַנד, וואו די באַפעלקערונג איז געוואַקסן איבער 120 פּראָצענט אין משך פון פינף יאָר, מוז די בוי־אינדוסטריע

שפּילן איינע פון די וויכטיקסטע ראָלן. זי איז טאַקע געווען די וויכטיקסטע אינדוסטריע אין די לעצטע פינף יאָר. די ישראל־רעגירונג אַליין האָט אויפגעבויט איבער הונדערט טויזנט וואוי־נונגען פאַר נייע אימיגראַנטן, אויסער אַנדערע בנינים וואָס פּריוואַט-אונטערנעמונגען האָבן געמאַכט, און אַ חוץ געזעל־שאַפטלעכע הייזער, ווי: שולן, ביבליאָטעקן, א. אַ. וו.

אין אָנהויב פלעגט מען אימפּאָרטירן גרויסע טיילן פון די רוי־שטאָפן, כדי צו בויען די הייזער. די נשר־קאָמפּאַניע בויט אַ נייע צעמענט־פאַבריק אין רמלה. זיי האָבן אינוועסטירט דריי מיליאָן דאָלאַר. אַ גרויסע ברעטער־פאַבריק עפנט איצט אויף די אמפּל-געזעלשאַפט אין אשדת־יעקב. דיביידע פאַבריקן וועלן פאַרקלענערן דעם אימפּאָרט פון בוי־מאַטעריאַלן, וואָס איז געווען זייער אַ גרויסער אין די לעצטע יאָרן.

די בוי־אינדוסטריע וועט נאָך פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין ישראלס עקאָנאָמיע אין די נאָענטסטע יאָרן. מען מוז נאָך בויען נייע הייזער פאַר אַ טייל פון די אימיגראַנטן. אויסער דעם וואוינט שוין אַ טייל פון דער באַפעלקערונג אין אַלטע הייזער, וואָס מען וועט מוזן די נאָענטסטע יאָרן איבערבויען.

כעמישע אינדוסטריע

אויסער פאָספאַר, פּאָטאַש, וואָס ישראל פּראָדוצירט שוין איז דאָ נאָך איין מינעראַל, וואָס איז זייער וויכטיק, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז די ערד זאָל יעדעס יאָר אָרעמער ווערן. דער מינעראַל איז נייטראָגען (סעליטרע־זויער־זאַלץ). פון דעם מינע־ראַל איז דאָ גענוג אין דער לופט. מען דאַרף אָבער מאַשינען,

כדי מען זאָל אים קאָנען אַרויסנעמען פון דער לופט. אַ נייע פאַבריק שאַפט זיך איצט, וואָס וועט אַרויסנעמען דעם נייטראָגען פון דער לופט. די פאַבריק וועט אויך אַנטוויקלען אַנדערע כעמישע שטאָפן פון ישראלס רוי־מאַטעריאַלן. די דאָזיקע פאַבריק וועט דאַרפן קאָסטן 7 מיליאָן דאָלאַר און וועט איינשפּאָרן 9 מיליאָן דאָלאַר יעדעס יאָר אין אימפּאָרט. אַזוי וועט ישראל זיין איינע פון די ווינציקע לענדער, וואָס וועט אויסאַרבעטן אַלע דריי מינעראַלן, וואָס זענען נויטיק כדי צו באַמיסטיקן די פעלדער. צוויי פון די דריי וועט זי האָבן אין גרויסע קוואַנטיטעטן פאַר עקספּאָרט. די אַלע דריי מינעראַלן האָט ישראל געמוזט אימפּאָרטירן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. פּאָטאַש מיט פאָספאָר אַרבעט מען שוין אויס אין סכומים גענוג פאַר ישראל און אויך פאַר עקספּאָרט. פאַר פאָספאָר האָט מען אויפגעבויט אַ גרויסע פאַבריק אין חיפה. איצט גייט מען אויפבויען אַ נייע פאַבריק אינעם נגב נעבן די אוצרות פונעם פאָספאָר. די פּאָטאַש פאַבריק אין סדום, האָט מען אויך פאַרגרעסערט מיט נייע מאַשינען. מען אַרבעט איצט אויס פּלענער, ווי אַזוי נאָך מער צו פאַרגרעסערן די פאַבריקן, כדי מען זאָל קענען אין גרויסע מאָסן פאַרגרעסערן דעם עקספּאָרט פון די מינעראַלן. אויף דיביידע מינעראַלן איז דאָ זייער אַ גרויסער נאָכפרעג אין פאַרשידענע אייראָפּעאישע לענדער, און ישראל האָט גרויסע אוצרות פון זיי.

האַנדל אין ישראל

געאָגראַפישע סיטואירונג

ישראל איז געאָגראַפיש זייער גוט סיטואירט, כדי אויפצובויען אַ גוטן עקספּאָרט. ישראל איז דער מיטל-פּונקט פון דריי וועלט-טיילן: אַזיע, אַפריקע און איירָאָפּע.

האַנדל מיט סקאַנדינאַווישע לענדער

די ערשטע סחורות וואָס ישראל האָט געשיקט צו די סקאַנדי-נאַווישע לענדער האָבן געבראַכט גוטע רעזולטאַטן. די לענדער זענען זייער צופרידן געווען מיט ישראלס אויסאַרבעטונגען. ישראלס ניילאָן-אינדוסטריע, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געשאַפן, האָט געקראָגן מער באַשטעלונגען וויפיל זי קען היינט פּראָדוצירן. ישראלס פּלאַסטיק-אויסאַרבעטונגען האָבן אויך געפונען זייער אַ גוטן אָפּרוף. ישראלס ווינטער-גרינצייג און פרוכטן וועלן באַ-שטימט זייער גוט אויפגענומען ווערן אין די דערמאָנטע לענדער, ווייל דאָרטן וואַקסן זיי אינגאַנצן נישט אום ווינטער. אויך פאָספאָר, פּאָטאַש און אַנדערע סחורות וועט ישראל קענען עקס-פּאָרטירן צו די דאָזיקע לענדער אויף גוטע האַנדלס-באַדינגונגען. ישראל וועט מוזן אימפּאָרטירן האָלץ פאַר דער פּאַפּיר-פאַבריק און פאַר בויאונג, ווי אויך אַנדערע סחורות פון די דאָזיקע לענדער.

האַנדל מיטן ווייטן מזרח, מזרח-אַפריקע און אויסטראַליע

מען דאַרף וואָס גיכער אויפבויען אַ גוטן פּאָרט אין אילת, ווי אויך פאַרבינדן אילת מיט באר-שבע דורך אַ גוטן וועג, כדי

ישראל זאָל קענען אַנטוויקלען איר האַנדל מיטן וויטן מזרח. אַהין וועט זי קענען אימפּאָרטירן פאַרשידענע פאַבריקאַטן. פון דאָרט וועט זי אויך מוזן אימפּאָרטירן דעם רויען גומי, וואָס די צוויי גרויסע גומי-רעדער פאַבריקן פאַרנוצן אין ישראל. דער רויער גומי ווערט אויסגעאַרבעט אין גרויסע קוואַנטיטעטן אין מאַלאַיאַ, סומאַטראַ, פראַנקרייכס אינדאָ־כינע, א. אַ. אין וויטן מזרח. אילת וועט אויך עפענען דעם וועג פון ישראל צו אַלע לענדער פון מזרח־אַפריקע און צו אויסטראַליע וואָס קענען אויך שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין ישראל־האַנדל.

האַנדל מיט דרום־ און מערב-אייראָפּע, מערב־אַפריקע און אַמעריקע

דער מיטל־לענדישער ים פאַרבינדט ישראל מיט דרום־אייראָפּע. דער שמאָלער וואַסער־דורכגאַנג גיבראַלטאַר פאַר־בינדט דעם מיטל־לענדישן ים מיטן אַטלאַנטיק. דורך דעם אַטלאַנטיק קען ישראל צוקומען צו מערב־אייראָפּע, מערב־אַפריקע, און אַמעריקע. דורך דעם קען ישראל אויפבויען גוטע האַנדלס-באַציאונגען מיט די אַלע לענדער.

האַנדל מיט די אַראַבישע לענדער

ישראל קען זיך אויפבויען שטאַרק עקאָנאָמיש אַפילו אָן דעם האַנדל מיט די אַראַבישע לענדער. דער שלום מיט די אַראַבישע לענדער איז נישט זייער וויכטיק צוליבן האַנדל מיט זיי. אַפילו נאָך פאַרן קריג מיט די אַראַבער האָט ישראל נישט עקספּאָרטירט קיין סך סחורות צו די אַראַבישע לענדער, ווייל די אַראַבישע

באַפעלקערונג קען נישט קויפן קיין סחורות וואָס אַן אינדוסטריעל לאַנד פּראָדוצירט. די אַראַבישע באַפעלקערונג לעבט נאָך אין זייער גרויס אָרעמקייט. אַ באַפעלקערונג וואָס לעבט אין אַזאַ גרויסער נויט קען זיך נישט דערלויבן צו קויפן די אַלע פּראָדוקטן, שלום מיט די אַראַבער איז וויכטיק צוליב אַנדערע טעמים. צום אַלעם ערשטן איז נישט גאָר שטאַרק באַקוועם צו זיין אַרומגערינגלט מיט אַזוי פיל שונאים. (אַפילו ווען מען איז שטאַרקער ווי דער שונא גופא, איז אַלץ בעסער אים צו האָבן פאַר אַ גוטן פריינט ווי פאַר אַ שונא). צווייטנס, מוז איצט ישראל אויסגעבן גרויסע סומעס געלט אויף וואפן. ווען עס וואָלט געווען שלום מיט די אַראַבער, וואָלט מען פאַר דעם געלט געקענט בויען פאַבריקן, כדי צו פאַרגרעסערן דעם עקספּאָרט, אָדער כדי אויסצואַרבעטן אַזעלכע סחורות, וואָס זאָלן פאַרקלענערן דעם אימפּאָרט. ווען ישראל זאָל אַפילו פירן האַנדל מיט די אַראַבישע לענדער, וואָלט זי אויך שטענדיק געמוזט מער אימפּאָרטירן פון זיי ווי עקספּאָרטירן צו זיי. עס איז פיל געזונטער פאַר ישראלס עקאָנאָמיע, אַז דער אימפּאָרט זאָל זיין פון די לענדער, וואוהין זי עקספּאָרטירט. דורך דעם וועט זי קענען מער עקספּאָרטירן צו די דאָזיקע לענדער. דאָס וואָס אין אַנדערע לענדער מוז מען שיקן די סחורות מיט שיפן און צו די אַראַבישע לענדער וואָלט מען געקענט שיקן די סחורות מיט באַנען, מאַכט קיין שום חילוק נישט. שיף־טראַנספּאָרט איז ביליקער ווי באַן־טראַנספּאָרט. עס איז אמת, אַז די אַראַבישע לענדער זענען נעענטער צו ישראל ווי אַנדערע לענדער, אָבער אונטער היינטיקע אומשטענדן ווען שיף-טראַנספּאָרטאַציע איז אַזוי ביליק, מאַכט דאָס

נישט שטאַרק אויס. אַ שלום מיט די אַראַבער וואָלט געקענט אביסל העלפֿן אין ישראלס האַנדל, אָבער אַיין זאַך איז זיכער, אַז עס דראָט נישט קיין שום עקאָנאָמישע קאַטאַסטראָפע פֿאַר ישראל אַפילו ווען זי וועט נישט האָבן דעם האַנדל מיט זיי. ישראלס האַנדל דאַרף זיך דער עיקר שטיצן אויף אַנדערע לענדער. דערצו איז זייער וויכטיק צו פֿאַרגרעסערן ישראלס פלאָט. ישראל האָט אַ פּלאַן ווי אַזוי צו פֿאַרגרעסערן איר פלאָט אין די נאָענטסטע יאָרן. (זע קאַפּיטל „טראַנספּאָרט אין ישראל״).

גוטע מעגלעכקייטן פֿאַר פּריוואַט־קאַפּיטאַל

ביים בויען פֿאַבריקן און אויך ביי האַנדל איז דאָ זייער אַ גוט פעלד פֿאַר אינוועסטיציעס פון פּריוואַט־קאַפּיטאַל. פֿאַר גרעסערע קאַפּיטאַליסטן איז דאָ גוטע מעגלעכקייטן ביים אויפֿ־בויען ישראלס שווער־אינדוסטריע. ישראל דאַרף נאָך מאַכן פיל פֿאַרשריט אינעם אויפבויען אַ גוטן עקספּאָרט און אַ גוטע שווער־אינדוסטריע. אונטערנעמער וואָס וועלן אינוועסטירן געלט אין דעם פעלד וועלן באַשטימט מאַכן גוטע פּראָפיטן. עס איז נישטאָ קיין שום לאַנד אין דער וועלט וואו קאַפּיטאַל קען היינט געבן אַזעלכע גוטע פּראָפיטן ווי ישראל. אַ לאַנד וואָס בויט זיך יעדן טאָג; אַ לאַנד וואָס אַנטדעקט נייע נאַטור־אוצרות אין אירע גרענעצן; אַ לאַנד אין וועלכן די באַפעלקערונג אַלס אַ גאַנצע פֿאַרדינט יעדעס יאָר מער; אַ לאַנד וואָס קען האָבן גרינגע מעגלעכקייטן צו עקספּאָרטירן אירע סחורות, ווייל זי מוז נאָך במשך פון יאָרן אימפּאָרטירן מאַשינען; אין אַזאַ לאַנד ווערט נישט נאָר די נאָכפראַגע אויף סחורות יעדעס יאָר אַ גרעסערע,

נאָר אויך דער באָדן אויף וועלכן אַ פאַבריק איז געבויט געוואָרן מיט אַ פּאָר יאָר צוריק איז היינט טאָפּלט ווערט. דאָס זעלבע וועט געשען אין די נאָענטסטע עטלעכע יאָר, ווייל ישראל הויבט ערשט איצט אָן צו בויען איר שווער־אינדוסטריע און האַנדל.

עס איז אמת, אַז אַ סך גרויסע אונטערנעמער נוצן טאַקע אויס די געלעגנהייט, די קייזער־פרייזער פאַבריק פאַר אויטאָס אין חיפה, די קור־פאַבריק פון שטאָל אין אקרא, די אַמעריקאַנער און קאַנאַדער אויל־קאָמפּאַניעס, וואָס גייען אינוועסטירן געלט אין זוכן אויל אין ישראל, די בעלגישע קאָמפּאַניע, וואָס וועט אויסאַרבעטן דעם קופּער, די שווייצאַרישע קאָמפּאַניע וואָס האָט אויפגעבויט ווייץ־מאַגאַזינען אין חיפהער פּאָרט, די גומי־רעדער פאַבריקן, די פּלאַסטיק־פאַבריקן, די ניילאָן־פאַברקן, די פּאַפּיר־פאַבריק, די רערן־פאַבריקן פאַר איריגאַציע און נאָך צענטליקער פאַבריקן, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן אין די לעצטע יאָרן דורך פּריוואַט־אונטערנעמער באַוויזט, אַז די דאָזיקע פּריוואַט־קאַפּי־טאַליסטן האָבן פאַרשטאַנען די מעגלעכקייטן, וואָס אזא לאַנד גיט פאַר קאַפּיטאַל. אָבער טייל קאַפּיטאַליסטן, וואָס האָבן נישט אריינגעלייגט קיין געלט אין ישראל, אָדער די וואָס זאָגן, אַז זיי ווילן אַריינלייגן געלט, נאָר האָבן דאָס נאָך נישט געטאָן, מיינען אַז זיי קענען נישט אינוועסטירן געלט אין ישראל צוליב דעם וואָס די רעגירונג קאָנטראָלירט אַלץ. מען דאַרף די זאַך קלאָר מאַכן. אַ לאַנד, ווי ישראל, וואָס האַלט זיך ביים בויען, און צוליב דעם האָט זי אַ פיל גרעסערן אימפּאָרט ווי עקספּאָרט, מוז האָבן אַן אויבער־קאָנטראָל. לאָמיר צום ביישפּיל אָננעמען אַז, פון היינט אָן וואָלט די ישראל רעגירונג אויפגעהערט צו קאָנטראָ־

לירן די קייזער־פרייזער פאַבריק, וואָס זי טוט מיט די אויטאָס. די קייזער-פרייזער פאַבריק וואָלט געקענט האָבן אַ סך קונים צו פאַרקויפן אירע אויטאָס אין ישראל. עס קען לייכט זיין, אַז אין ישראל קען די קייזער־פרייזער פאַבריק לייזן מער געלט פאַר אַן אויטאָ וויפיל זי לייזט אין דרום-אַמעריקע. דאָס וואָלט באַוואויגן די קייזער־פרייזער צו עקספּאָרטירן וויניקער אויטאָס און פאַרקויפן מער אויטאָס אין לאַנד. דער רעזולטאַט וואָלט געווען, אַז ישראל וואָלט געהאַט וויניקער דאָלאַרן כדי צו אימפּאָרטירן די רוי־שטאָפן, וואָס זי דאַרף האָבן אויף ווייטער צו קענען אָנגיין מיט דער אויטאָ־אַרבעט. דאָס וואָלט געקענט אָפּשטעלן די אַרבעט אויף אַ לאַנגער צייט. די קייזער-פרייזער קאָמפּאַניע וואָלט אויך דערפון שאָדען געהאַט. אַז די ישראל־רעגירונג קאָנטראָלירט דעם האַנדל (וויפל מען זאָל לאָזן אין לאַנד און וויפל מען זאָל עקספּאָרטירן), האָט די קאָמפּאַניע שטענדיק געניג רוי־מאַטעריאַלן, אַלע פאַבריקן, וואָס האָבן זיך געשאַפן אין ישראל פאַרשטייען דאָס און זיי זעען אויך, אַז אויף דעם אופן קען מען מאכן דאָרט גוטע פּראָפיטן.

מען קען געוואויר ווערן אין יעדן איינעם ישראל־קאָנסולאַט אין וואָס פאַר אַ פאַבריקן ישראל נויטיקט זיך, און וואָס די קאָנצעסיעס זענען. דורך באַקענען זיך מיט ישראלסווירטשאַפט, קען מען זען וועלכע רוי־מאַטעריאַלן ישראל האָט און פון וועלכע עס לוינט זיך צום בעסטן אויסצובויען אַ פאַבריק. ביי אַלע אונטערנעמונגען וואָס העלפן ברענגען דאָס לאַנד שנעלער צו עקאָנאָמישער זעלבסטשטענדיקייט גיט די רעגירונג קאָנצעסיעס, און מען קען ציען ביי זיי גוטע פּראָפיטן. מען קען

נאָך אַמאָל באַטאָנען, אַז קיין שום לאַנד גיט היינט נישט אַזעלכע מעגלעכקייטן צו מאַכן פּראָפיטן אויף קאַפּיטאַל ווי ישראל גיט. מען קען ראטן אונטערנעמער, אז זיי זאָלן זיך באַקענען מיט די קאָנצעסיעס, וואָס ישראל גיט צו נייע אונטער־נעמונגען. עס איז נאָך דאָ אָרט פאַר צענדליקער פאַבריקן וואו מען קען אינוועסטירן געלט און אויך אַרויסנעמען גוטע פּראָפיטן. דעריבער איז צו האָפן, אַז נייע קאַפּיטאַליסטן וועלן אינוועסטירן געלט אין ישראל. דערמיט וועלן זיי צוזאַמען מיט דער ישראל־באַפעלקערונג און מיט דער ישראל־רעגירונג אויפבויען אַ שטאַר־קע אינדוסטריע אין לאַנד.

טראַנספּאָרטאַציע אין מדינת ישראל

וויכטיקייט פון ביליקן איבערפירן סחורות

נאָך דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע, ווען שטעט שפּילן אַ וויכטיקע ראָלע, איז דאָס איבערפירן סחורות פון איין אָרט צום צווייטן פאַר אַ ביליקן פּרייז געוואָרן אַ וויכטיקער טייל אין דער עקאָנאָמיע. שטעט וואָלטן נישט געקענט עקזיסטירן אין דעם מאַסשטאַב ווי זיי עקזיסטירן היינט, ווען נישט די ביליקע טראַנספּאָרטאַציע.

פאַר יעדער זאַך וואָס מיר קויפן אין שטאָט צאָלן מיר אַ טייל פון דעם פּרייז פאַר דעם קאָסט פונעם טראַנספּאָרט. צום ביישפּיל: פאַר יעדן קאַליפאָרניער מאַראַנץ וואָס מיר קויפן אין צפון-מזרח אַמעריקע צאָלן מיר אַ העלפט פון דעם פּרייז פאַר טראַנספּאָרט. דאָס זעלבע קומט פאַר ביי פאַרשידענע פּראָדוקטן וואָס קומען פון ווייטע מקומות. אויך פאַר פּראָדוקטן ווי: ווייץ, מילך, גרינצייג, א. ד. גל. וואָס קומען פון נאָענטע פלעצער, מוזן מיר באַצאָלן פאַרן צושטעלן. די ביליקייט פון פּראָדוקטן אין די פאַראייניקטע־שטאַטן האָט אין אַ גרויסער מאָס צו פאַר־דאַנקען דער ביליקייט פון דער טראַנספּאָרטאַציע. פון דעם וואָס מיר האָבן שוין געזען, קענען מיר קומען צו דער מסקנא, אַז אַ לאַנד וואָס וויל זיין עקאָנאָמיש זיכער, מוז האָבן אַ גוטע

און שטאַרק פאַרצווייגטע טראַנספּאָרט־נעץ, וואָס נעמט אַרום אַלע מיטלען מיט וועלכע מען פירט היינט סחורות.

פינף וועגן פון טראַנספּאָרט

אין דער היינטיקער מעכאַניזירטער ווירטשאַפט זענען דאָ פינפערליי טראַנספּאָרט־מיטלען מיט וועלכע מען פירט סחורות פון פּלאַץ צו פּלאַץ: באַנען, לאַסט־אויטאָס, שיפן, עראָפּלאַנען און רערן. שיף־טראַנספּאָרט איז דער ביליקסטער (רערן־טראַנספּאָרט איז נאָך ביליקער. אָבער מיט רערן קען מען נאָר איבערפירן וואַסער, אויל און אַנדערע פליסיקע זאַכן). נאָכדעם קומען באַנען, לאַסט־אויטאָס און עראָפּלאַנען. אָבער נישט שטענדיק איז וויכטיק די ביליקייט. ווען אַ מענטש דאַרף גיך פאָרן פון תל־אביב קיין ניו־יאָרק, וועט ער זיך נישט רעכענען וואָס מיטן עראָפּלאַן קאָסט אים טייערער; ער וועט זיך רעכענען מיט דעם, וואָס מיטן עראָפּלאַן וועט ער אָנקומען קיין ניו־יאָרק גיכער. אין קעגנזאַץ, ווען מדינת ישראל דאַרף אימפּאָרטירן פּראָדוקטן, אָדער עקספּאָרטירן סחורות, וועט זי זיי נישט פירן מיט עראָפּלאַנען נאָר מיט שיפן, ווייל מיט שיפן קאָסט עס פיל ביליקער. (טייערע סחורות, ווי דימאַנטן, ווערן יאָ געשיקט פון ישראל מיט עראָפּלאַנען. לעצטנס הייבט זיך אָן צו אַנטוויקלען אַ מסחר פון בלומען, ווינטער־גרינצייג און פרות אין מדינת ישראל. ישראל עקספּאָרטירט ווינטער־גרינוואַרג און פרות קיין ענגלאַנד און צו די סקאַנדינאַווישע לענדער. דער דאָזיקער עקספּאָרט מוז יאָ געפירט ווערן מיט עראָפּלאַנען).

מעלות און חסרונות פון באַנען און לאַסט־אויטאָס

באַן־ און לאַסט־אויטאָ־טראַנספּאָרטאַציע האָבן יעדע איינע פון זיי זיינע מעלות און זיינע חסרונות. באַן־טראַנספּאָרטאַציע איז ביליקער ווי לאַסט־אויטאָ־טראַנספּאָרטאַציע. אָבער אַ לאַסט־אויטאָ האָט אַ מעלה, וואָס ער קען נעמען די סחורה ביים הויז פון דעם שיקער און זי צושטעלן ביז צום הויז פונעם קויפער. לאַסט־אויטאָס ווערן באַנוצט פאַר קליינע שטרעקעס און זיי מוזן באַנוצט ווערן אין שטאָט וואו מען קען נישט באַנוצן קיין באַנען. באַנען קענען אויך נישט פאָרן אויף בערג, אויף וועלכע לאַסט־אויטאָס קענען יאָ פאָרן. דעריבער מוז מען בויען טונעלן, ביי באַנען מוזן די רעלסן געשטעלט ווערן אויף פלאַכע שטרעקעס. אַפילו אויף אַביסל בערגיק לאַנד קענען אויך נישט אויס־געלייגט ווערן די רעלסן. אויף אַזעלכע וועגן קען אַן אויטאָ יאָ פאָרן. דאָס איז איינער פון די טעמים, צוליב וואָס בויען באַן־שטרעקעס קאָסט פיל טייערער, ווי דאָס בויען וועגן פאַר אויטאָס. אָבער, דאָס אַלץ לוינט זיך ווייל נאָכדעם ווי מען האָט שוין אויסגעבויט די באַן־שטרעקעס קאָסט דאָס איבערפירן סחורות מיט באַנען פיל ביליקער איידער מיט אויטאָס. באַנען דאַרפן אויך האָבן פיל ווייניקער אַרבעטער ווי אויטאָס.

שיפן מיט עראָפּלאַנען דאַרף אַ לאַנד האָבן בכדי עס זאָל קענען פירן זיינע סחורות פון איין קאָנטינענט צום צווייטן. פון דעם אַלעם גיזאָגטן קענען מיר קומען צום אויספיר, אַז אַ לאַנד וואָס וויל זיין עקאָנאָמיש שטאַרק, מוז עס אויסנוצן אַלע אופנים פון טראַנספּאָרט.

בכדי ישראל זאָל זיין עקאָנאָמיש זיכער, מוז זי האָבן אַ ווייט פאַרשפרייטע טראַנספּאָרטאַציע־נעץ. דער וועג מיט וועלכן מען האָט געפירט דעם פּאָטאַש פון סדום קיין חיפה ביז צו דער פּראָקלאַמירונג פון דער יידישער מדינה איז אין גאַנצן אונטער אַראַבישן קאָנטראָל. כדי מען זאָל קענען ווייטער אָנהאַלטן דאָס אַרויספירן דעם דערמאָנטן מינעראַל פון דעם אָרט וואו מען עקספּלואַטירט אים, האָט ישראל געמוזט בויען אַ נייעם וועג פון באר־שבע קיין סדום. עס איז זייער שווער געווען צו בויען דעם וועג, ווייל דאָס לאַנד אין יענער געגנט איז בערגיק. מען האָט געדאַרפט אַדורכהאַקן טונעלן. דער וועג איז פאַרטיק געוואָרן נאָכדעם ווי מען האָט געאַרבעט צוויי יאָר אויף אים.

זינט די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן ביז 1953, האָבן די פאַבריקן אין סדום געמוזט שטיין ליידיק, מחמת מען האָט נישט געקאָנט אַוועקשיקן די פּראָדוקטן פון דאָרט. איצטער, וועלן נישט נאָר אַרבעטן די פאַבריקן, נאָר מען וועט זיי נאָך פאַרגרעסערן. עס זענען דאָ דאָרט אַנדערע וויכטיקע מינעראַלן, וואָס ווערן דיסקוטירט אין קאַפּיטל פון „נאַטור־אוצרות“. ביז איצטער האָט מען אַפילו נישט געקענט טראַכטן וועגן זיך באַנוצן מיט זיי. היינט אַז עס איז דאָ אַ פאַרבינדונג מיט סדום, וועלן זיך באַשטימט געפינען וועגן ווי אַזוי זיך מיט זיי צו באַנוצן. פון דעם און נאָך אַזעלכע ביישפּילן קענען מיר זען, ווי וויכטיק עס איז אַ גוטע טראַנספּאָרטאַציע אין ישראל.

לאָמיר נעמען אַ צווייטן בײַשפּיל אילת. אילת געפינט זיך בײַם אַקאַבאַ־גאָלף. אילת איז דאָס איינציקע אָרט, וואָס פאַר־בינדט ישראל מיטן רויטן ים. דער רויטער ים איז פאַרבונדן מיטן אַראַבישן ים און ממילא מיטן אינדישן אָקעאַן, וואָס איז דער שליסל פאַרן גאַנצן ווייטן מזרח. היינט, ווען ישראל וויל טאָן מסחר מיטן ווייטן מזרח, מוז ער געפירט ווערן דורכן סועץ־קאַנאַל, וואָס ווערט קאָנטראָלירט פון די עגיפּטער. די עגיפּטער פאַרהאַלטן פאַרשידענע שיפן, וואָס פירן סחורות קיין ישראל און נעמען אַ סך מאָל צו די סחורות, כאָטש דאָס איז קעגן דעם אינטערנאַציאָנאַלן אָפּמאַך בנוגע דעם סועץ־קאַנאַל. פאַר ישראל איז זייער וויכטיק דער מסחר מיטן ווייטן־מזרח. דער מסחר קען זיך נישט אַנטוויקלען אונטער אומשטענדן וואָס יעדע שיף האָט מורא, אַז מען וועט איר סחורה קאָנפיסקירן. צו דעם איז דאָ איין ענטפער, אַז מען זאָל אויפבויען אַ פּאָרט אין אילת; דאַן וועט דער גאַנצער ווייטער מזרח זיין אָפן פאַר ישראל אָן דעם סועץ־קאַנאַל. אַ חוץ דעם פּאָרט וואָס דאַרף קאָסטן מיליאָנען אים אויפצובויען, מוז מען צום אַלעם ערשטן אויפבויען אַ גוטע טראַנספּאָרט־נעץ, וואָס זאָל פאַרבינדן אילת מיט די איבעריקע שטעט פון ישראל.

אילת איז אויך אַ וויכטיקער צענטער פון פיש. דער מיטל־לענדישער ים אַרום ישראל איז אָרעם אין פיש. דאָס צווינגט ישראל צו אימפּאָרטירן דעם גרעסטן טייל פיש פאַר איר פיש־קאָנסומציע. אין קעגנזאַץ, דער רויטער ים אַרום אילת איז רײַך אין פיש. דער רויטער ים וואָלט נישט נאָר געקאָנט באַזאָרגן

ישראל מיט געגוג פרישע פיש און פיש־קאָנסערוון, נאָר אויך מיט אַנדערע רוי־מאַטעריאַלן וואָס פיש גיבן, ווי פאַרשידענע פעטס פאַר מעדיצין א.ד.גל. איצט, מוז מען א טייל פון די פיש וואָס מען פאַנגט אין אילת צוריקוואַרפן אין ים אַרייַן, ווייל אילת האָט זייער א קליינע באַפעלקערונג. כדי עס זאָל זיך לוינען די פיש צו שיקן אין די אַנדערע שטעט פון ישראל, מוז מען צום אַלעם ערשטן אויפבויען אַ גוטן טראַנספּאָרט-סיסטעם, וואָס זאָל פאַרבינדן אילת מיט די איבעריקע ישובים פונעם לאַנד.

די אוצרות פון קופּער, מאַנגאַנעז, פעלדשפּאַט, געפינען זיך פונקט ביי אילת. אייזנאַרץ, פאָספאָר, גלאָז־זאַמד, טעפּעריי־ליים, געפינען זיך אינעם נגב אויפן וועג קיין אילת. וועגן די אַלע מעטאַלן און מינעראַלן האָבן מיר שוין גערעדט אינעם קאַפּיטל „נאַטור אוצרות". דאָ קענען מיר צוגעבן, אַז כדי מען זאָל קענען די אוצרות אויסנוצן ווי געהעריק, מוז מען זיי פריער קענען פירן צו די הויפּט־צענטערן פון ישראל. דערצו מוז מען צום אַלעם ערשטן בויען וועגן צו די אַלע פּלעצער און מיט דער צייט אויך באַן-ליניעס.

ביז די אידישע מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן, איז אילת געווען אַ וויסטעניש. די ענגלענדער האָבן נישט געלאָזט די יידן זיך באַזעצן אין אילת צוליב פּאָליטישע טעמים. היינט האָט אילת אַ באַפעלקערונג פון אַ פּאָר הונדערט יידן. אילת האָט אַלע אויסזיכטן צו ווערן אין די נאָענטסטע 10־15 יאָר אַ גרויסע שטאָט אין ישראל. עס וועט אויך זיין אַ פאַבריקאַציע־צענטער פון די אוצרות וואָס זענען דאָ אַרום איר. פּריוואַטע מענטשן וואָס וועלן אינוועסטירן זייער געלט אין דעם פּונקט

וועלן באשטימט ארויסנעמען מיט דער צייט גרויסע פארדינסטן. לעצטנס האָט מען אויך געפונען אוצרות פון פרישע וואַסער נישט ווייט פון אילת׳ וואַסער־אוצרות זענען דאָרט שטארק וויכ־טיק ווייל קיין רעגן־וואסער איז דאָרט כמעט נישטאָ. דער גאנצער אַגריקולטור־סיסטעם, וואָס וועט אויפגעבויט ווערן אַרום אילת, וועט מוזן זיין געבויט אויף קינסטליכער באַוואַסערונג. די נייע וואַסער־אוצרות וועלן אין דעם אַ סך העלפן. (ווי אַזוי איריגאַציע־סיסטעמען ווירקן אויפן נגב זע קאַפיטל „אַגריקולטור”). מיט יעדן ניי־געפונענעם אוצר פון וואַסער אָדער וועלכן עס איז אַנדערן נאַטור־אוצר ווערט דאָס לאַנד אין אילת אַלץ טייערער. דאָס איז שוין, ממילא, אַ פאַרדינסט פאַר די וואָס האָבן זיך דאָרט באַזעצט. פאַר די וואָס האָבן געבויט אָדער בויען דאָרט פאַבריקן באַדייט דאָס געפינען פון נייע אוצרות, וואָס מוז על פּי הכרח פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג אין יענער געגנט, אַ צואוואוקס פון נייע קאָנסומערס פאַר פאַבריצירטע זאַכן. ווי עס זעט אויס, וועט אילת אין די נאָענטסטע 10-15 יאָר שפּילן אַזאַ ראָלע אין ישראלס עקאָנאָמיע אין פאַרגלייך מיט תל־אביב, ווי די ראָלע וואָס לאָס־אַנדזשעלעס שפּילט אין עקאָנאָמישן לעבן פון די פאַראייניקטע־שטאַטן אין פאַרגלייך מיט ניו־יאָרק.

נעמענדיק דאָס אַלץ אין באַטראַכט איז נישט נויטיק מער צו דערקלערן וועגן דער וויכטיקייט אויפצובויען אַ גוטן טראַנס־פּאָרט־סיסטעם צווישן אילת און די אַנדערע שטעט. אָבער דאָ קומט ווייטער אויף דאָס אַלטע פּראָבלעם: אין די לעצטע עטליכע יאָר איז ישראל פאַרנומען מיט אַזוי פיל אונטערנע־מונגען, אַז מען ווייסט נישט וואָס מען זאָל מאַכן פריער און

וואָס שפּעטער. יעדע איינע אונטערנעמונג איז וויכטיק, און יעדע איינע מאַכט דאָס לאַנד שטאַרקער עקאָנאָמיש. דער וועג קיין סדום איז געווען פּונקט אַזוי וויכטיק און מען האָט אים שוין פאַרטיק געמאַכט. איצט קומט די רייע פאַר אַ וועג צווישן אילת און באר שבע. דער וועג פאַרנעמט אַ פּיל לענגערע שטרעקע ווי דער וועג קיין סדום.

דורך דעם וואָס די רעגירונג וועט בויען דעם וועג, וועט זי באַשאַפן נייע באַשעפטיקונג פאַר טויזנטער מענטשן אין אילת און אַרום אילת. דאָס וועט העלפן באַלאַנסירן דעם עקספּאָרט־אימפּאָרט, דורך עקספּאָרטירן פאַרשידענע זאַכן צום ווייטן מזרח און דורך נישט דאַרפן אימפּאָרטירן פיש, קופּער, אייזן א.ד.גל. וואָס זענען דאָ אַרום אילת. פון די פּרוכטן פון דער אַריינגעלייגטער אַרבעט אין דער געגנט וועט מען ערשט קענען געניסן אין די נאָענטסטע יאָרן, אויב די ישראל רעגירונג וועט האָבן די מעגלעכקייטן איצט אַריינצולייגן דערין נויטיקן קאַפּיטאַל.

טראַנספּאָרטאַציע איינפלוס אויף עקספּאָרט־אימפּאָרט

לאָמיר זען ווי אַזוי אַ גוטער טראַנספּאָרטאַציע־סיסטעם וועט באאיינפלוסן אַנדערע ספערן פון עקספּאָרט. איצט, אַז ישראל קען שוין ברענגען דעם פּאָטאַש און אַנדערע מינעראַלן פון ים־המלח קיין חיפה, וועט זי ערשט מוזן האָבן אירע שיפן כדי זיי צו קענען ווייטער שיקן. ס'איז אמת אַז זי קען זיי שיקן מיט פרעמדע שיפן, אָבער, פרעמדע שיפן רעכענען פאַרן שיקן דאָלאַרן און די דאָלאַרן קענען בלייבן אין לאַנד. אויך איז דאָ אַ גרויסע קאָנקורענץ אי יעדן סאָרט פון מינעראַלן. צום ביישפּיל,

פּאַטאַש עקספּאָרטירט אויך דייטשלאַנד און פראַנקרייך. כדי ישראל זאָל קענען ביישטיין זייער קאָנקורענץ, מוז זי האָבן די זעלבע טראַנספּאָרט-מעגלעכקייטן ווי די אַנדערע לענדער האָבן.

ישראל אימפּאָרטירט היינט גרויסע סחומים סחורות. פאַר די אַלע טראַנספּאָרטאַציעס וואָלט ישראל געדאַרפט באַצאָלן מיט דאָלאַרן, ווען זי האָט נישט דעם נויטיקן פלאָט. די סחורות וואָס מען קען נישט ברענגען מיט ישראל-שיפן, מוז מען טאַקע באַצאָלן מיט דאָלאַרן פאַרן איבערפירן זיי.

ישראלס שיפן מיט ישראלס עראָפּלאַנען האָבן איינגעשפּאָרט מיליאָנען דאָלאַרן דורך דעם, וואָס מען האָט אַ טייל פון די אימיגראַנטן געפירט אויף זיי.

ישראלס פּאַסאַזשיר-שיפן און עראָפּלאַנען פירן טוריסטן פון דער גאַנצער וועלט קיין ישראל. דורך דעם ברענגען זיי אַריין דאָלאַרן אין לאַנד.

ישראל מוז איבערפירן דאָס איבעריקע וואַסער וואָס זי האָט אין צפון קיין דרום. דערצו מוז זי בויען אַ גוטן רערן-טראַנספּאָרט-סיסטעם.

דאָ ווערט דיסקוטירט בלויז די וויכטיקייט פון טראַנספּאָרטאַציע אויפן געביט פון עקאָנאָמיע; אין מיליטערישע ענינים זענען די אַלע טראַנספּאָרטאַציע-נעצן נאָך פיל וויכטיקער.

ישראלס פאָרשריט אין טראַנספּאָרט

ישראל האָט געמאַכט גרויס פאָרשריט אויפן געביט פון טראַנספּאָרטאַציע אין די לעצטע פינף יאָר. אין יאָר 1948 איז

דער ישראל-פלאָט באַשטאַנען פון איין שיף, וואָס האָט פאַר־בונדן ישראל מיטן פראַנצויזישן פּאָרט מאַרסעל. אין יאָר 1952 האָט דער ישראל־פלאָט שוין געהאַט 30 שיפן, וואָס האָבן פאַר־בונדן ישראל מיט אַלע וועלט־טיילן.

עראָפּלאַנען? — אין 1948 האָט ישראל נישט געהאַט קיין איין עראָפּלאַן. אין 1952 האָט די ישראל לופט-ליניע „אל־על" געפירט 24,772 פּאַסאַזשירן. „אל־על" פירט פּאַסאַזשירן דורך פיר קאָנטינענטען: אַזיע, אַפריקע, אייראָפּע און אַמעריקע.

די גרעסטע קאָמוניקאַציע־נעץ אין ישראל איז היינט צווישן תל־אביב און חיפה. פריער איז די באַן-שטרעקע צווישן די שטעט געווען איבעריק לאַנג. זינט די ישראל־מדינה איז פּראָק־לאַמירט געוואָרן, האָט מען אויפגעבויט אַ קירצערע באַן-שטרעקע פון 92 קילאָמעטער, וואָס וועט פאַרבינדן תל־אביב מיט חיפה. בלויז די באַן־שטרעקעס אַרום חיפה זענען אַרויס־געקומען אומבאַשעדיקט פון דער מלחמה מיט די אַראַבער. די איבעריקע באַן-שטרעקעס האָט מען געמוזט פאַרריכטן אין די לעצטע פינף יאָר.

זינט די ישראל־מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן האָט מען געבויט אַ נייעם וועג צווישן ירושלים און תל־אביב, אַ וועג צווישן באר־שבע און סדום, אַ וועג צווישן נתניה און תל-אביב און אַנדערע נייע וועגן אין נגב און אין גליל.

בלויז אין יאָר 1950 האָט די ישראל רעגירונג געבויט אַ רערן־ליניע פון 540 קילאָמעטער די לענג.

פון דעם אַלעמען קענען מיר זען דעם פאַרשריט, וואָס ישראל האָט געמאַכט אין די לעצטע פינף יאָר. אָבער ישראל האָט נאָך

גענוג אַרבעט אויף דעם געביט. אַז זי וועט האָבן די מעגלעכקייט אין די נאָענטסטע צען יאָר צו מאַכן פאָרשריטן אין זעלבן מאָסשטאַב ווי ביז איצט, דאַן וועט זי שוין האָבן געלייזט דאָס פּראָבלעם.

א פאַרגלייך צווישן ישראל און אַנדערע לענדער
אין טראַנספּאָרט מיטלען

די גאַנצע שוועריקייט באַשטייט אין דעם, וואָס מדינת ישראל דאַרף אויפבויען און אַנטוויקלען די אַלע פינף טראַנספּאָרטאַציע־אופנים מיט איין מאָל. אין די לעצטע פינף יאָר האָט ישראל געדאַרפט קויפן עראָפּלאַנען, שיפן, אויטאָס, באַנען און רערן. אין דער זעלבער צייט וואָס זי דאַרף בויען נייע לופט-פּלעצער און האַפן; בויען נייע וועגן און באַן־שטרעקעס, און איינשטעלן רערן־ליניעס. אַמעריקע, וואָס האָט איינע פון די בעסטע און ביליקסטע טראַנספּאָרטאַציע־סיסטעמען אין דער וועלט, האָט געבויט יעדע סיסטעם באַזונדער און בהדרגהדיק. אין 1825, ווען מען האָט אָנגעהויבן צו בויען די באַן-ליניעס אין די פאַר־אייניקטע־שטאַטן און נאָכדעם (אין 60־1950), ווען מען האָט די באַן-ליניעס אויסגעשפּרייט פון איין עק לאַנד צום צווייטן, דעמאָלט האָט מען דאָרט געבויט נאָר באַנען. פון קיין עראָפּלאַנען, אויטאָס, האָט מען נאָך אַפילו נישט געוואוסט. אין 1893 זענען שוין פאַרטיק געווען אַלע באַן-ליניעס אין די פאַראייניקטע־שטאַטן. פון 1918 ביז היינט זענען די באַן־ליניעס פאַרקלענערט געוואָרן מיט קנאַפּע 15 פּראָצענט אין די פאַראייניקטע-שטאַטן, ווייל אין פּלעצער וואו עס לוינט זיך איצטער בעסער צו פירן

סחורות מיט לאַסט־אויטאָס האָט מען פאַר 1918 געפירט מיט באַנען. פון דעם זעט מען, אַז ווען אַמעריקע האָט געבויט די אויטאָ-פאַבריקן (1910־1940), איז די אַריינגעלייגטע ענערגיע געווען געווענדעט בלויז אין יענער ריכטונג. היינט, ווען די עראָפּלאַן־ און גרויסע שיפן־אינדוסטריע וואַקסט, איז שוין די אויטאָמאָביל-אינדוסטריע אויף א סטאַטיק־באַזיס. אויך די עראָפּלאַן־ און שיף־אינדוסטריע געפינט זיך שוין אויף אַ הויכן ניוואָ פון אַ לענגערער צייט. די שיףאינדוסטריע איז שוין אַלט אין די פאַראייניקטע-שטאַטן אַ פּאָר הונדערט יאָר, און די עראָפּלאַן־אינדוסטריע, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן בויען אין 1920־30, האָט זייט דעמאָלט געמאַכט אַ גוואַלדיקן באַרג־אַרויף. דאָס זעלבע איז ריכטיק אין כמעט אַלע אינדוסטריעלע לענדער.

אין מערב-אייראָפּע, ווי ענגלאַנד, פראַנקרייך א.אַ. אַרבעט מען שוין הונדערטער יאָרן אויפן טראַנספּאָרטאַציע־סיסטעם. ענגלאַנד האָט שוין אין 1900 געהאַט פאַרטיק אַלע באַן־ליניעס, אַלע קאַנאַל־סיסטעמען און אַלע לאַנד-וועגן. פראַנקרייך האָט נאָך אין 16 י.ה. געבויט אירע אַלע לאַנד־וועגן. אין 1900 האָט זי שוין געהאַט פאַרטיק כמעט אַלע באַן־ליניעס און אַלע קאַנאַלן. דאָס זעלבע חזרט זיך איבער אין בעלגיע, האָלאַנד א.אַ. דאָס הייסט, אַז די אַלע לענדער האָבן געבויט זייערע טראַנספּאָרטאַציע-סיסטעמען אויף אַ סיסטעמאַטישן אופן.

אין ישראל? — ישראל מוז איצטער אַלע אופנים פון טראַנספּאָרטאַציע בויען מיט אַמאָל. זי מאַכט טאָג איין טאָג אויס גוואַלדיקן פאַרשריט אויף אַלע געביטן פון טראַנספּאָרטאַציע. אין די לעצטע פינף יאָר האָט זי דערגרייכט די מדרגה, אַז זי

האָט די בעסטע טראַנספּאָרט־נעץ אין מיטל־מזרח, און עס זענען דאָ גוטע אויסזיכטן, אַז אין די נאָענטסטע 8-10 יאָר זאָל ישׂראל האָבן אַזאַ פאַרצווייגטן טראַנספּאָרט־סיסטעם, ווי יעדעס לאַנד אין מערב־אייראָפּע. מיט היינטיקע מאַשינען קען מען דאָס דערגרייכן. אַז ישׂראל וועט דאָס דערגרייכן אין די נאָענטסטע 8-10 יאָר, דאַן וועט זי האָבן געמאַכט אַזאַ מין רעוואָלוציע אין טראַנספּאָרט־וועזן, וואָס קיין שום לאַנד האָט נישט געמאַכט אין אַזאַ קורצער צייט.

שלום

אייראָפּע האָט אין מיטל־אַלטער געהאַט אַ באַפעלקע־רונג פון ווייניקער ווי 50 מיליאָן מענטשן. פונדעסטוועגן זענען געווען צייטן, ווען וויסנשאַפטלער האָבן מורא געהאַט, אַז עס זענען שוין דאָ צופיל מענטשן און אַז די באַפעל־קערונג וועט נישט קענען עקזיסטירן אָן דעם איינבעמען בייע וועלט־טיילן. אויסער רעליגיעזע טעמים האָבן די קרייץ־צוגלער אויך געהאַט דעם דערמאָנטן אויסרייד פאַר זייערע מלחמות.

היינט האָט אייראָפּע אַ באַפעלקערונג פון 500 מיליאָן מענטשן. די באַפעלקערונג אין אייראָפּע האָט אויך איינעם פון די העכסטע לעבנס־סטאַנדאַרטן אין דער וועלט. ווען נישט די לעצטע צוויי וועלט־מלחמות, וואָס יעדע האָט כמעט חרוב געמאַכט אייראָפּע, וואָלט דער אייראָפּעאישער קאָנטינענט מסתמא געהאַט דעם זעלבן לעבנס־סטאַנדאַרט ווי די פאַראייניקטע־שטאַטן. שווייץ און שוועדן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין מלחמות האָבן טאַקע אַ פיל העכערן לעבנס־סטאַנדאַרט ווי די איבעריקע לענדער אין אייראָפּע. אָבער, נאָך די אַלע וועלט־מלחמות, לעבן היינט די 500 מיליאָן מענטשן אין אייראָפּע אויף אַזאַ לעבנס־ניוואָ, וועגן

וועלכן די מענטשן אין מיטל-אַלטער האָבן אַפילו נישט געחלומט. וואָס פאַר אַ סיבות האָבן געבראַכט דערצו? דער עיקר האָט דערצו געבראַכט די אַנטוויקלונג פון אַגריקולטור, עקספּלואַטאַציע פון די נאַטור-אוצרות, אַנט-וויקלונג פון דער אינדוסטריע און טראַנספּאָרט-וועזן, וואָס איז פאָרגעקומען אין די לעצטע הונדערטער יאָרן אין אייראָפּע. דערפון קענען מיר זען, ווי וויכטיק די אלע זאכן זענען, כדי צו קענען פאַרגרעסערן די באַפעלקערונג און אויך כדי צו העכערן איר לעבנס-סטאַנדאַרט. צוליב דעם איז אַזוי וויכטיק, אַז ישראל זאָל אין דער נאָענטסטער צוקונפט זיין שטאַרק אויף די אַלע געביטן.

די אַלע פיר געביטן (מאָדערניזאַציע פון דער אַגרי-קולטור-ווירטשאַפט, עקספּלואַטאַציע פון די נאַטור-אוצרות, אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע און טראַנספּאָרט-וועזן), קענען כמעט נישט עקזיסטירן איינע אָן די אַנדערע. כדי מען זאָל האָבן אַ שטאַרק אויפגעבויטע אגריקולטור-סיס-טעם, מוז מען האָבן אַגריקולטור-מאַשינען און באַמיסטי-קונג-מינעראַלן. צו ביידע דאַרף מען האָבן סיי נאַטור-אוצרות און סיי פאַבריקן. די לענדער, וואָס מוזן אימפּאָר-טירן די מינעראַלן צו באַמיסטיקן די פעלדער, קענען זיך נישט דערלויבן אַזוי פיל צו נוצן זיי, ווי די לענדער וואָס פאַרמאָגן די מינעראַלן אין זייער לאַנד גופא. איידער מען האָט אַנטדעקט דעם פאָספאָר, האָט ישראל פאַרנוצט בלויז 30,000 טאָן פון דעם מינעראַל אַ יאָר פאַרן אייגענעם געברויך, היינט פאַרנוצט ישראל 120,000 טאָן פאָספאָר

אַ יאָר. וואָס מער מען נוצט דעם מינעראַל ביי דער ערד־אַרבעט, אַלץ גרעסער איז די פּרוכטבאַרקייט פונעם באָדן. דאָס הייסט, אַז ווען ישראל וויל האָבן אַ שטאַרק אַנט־וויקלטע אַגריקולטור-ווירטשאַפט, מוז זי אויך עקספּלואַ־טירן די מינעראַל־אוצרות, ווי אויך האָבן פאַבריקן זיי אויסצואַרבעטן. כדי צו קענען פאַרקויפן די שפּייז־פּראָ־דוקטן ביליק, מוז זי קענען פירן זיי ביליק פון דאָרף אין שטאָט. צו דעם מוז זי האָבן אַ גוטע טראַנספּאָרט־נעץ. עס איז אָבער אומנוצלעך צו האָבן אַ גוטע טראַנספּאָרט־נעץ, ווען עס איז נישטאָ וואָס צו פירן אויף איר. דעריבער בויט מען דעם טראַנספּאָרט־נעץ אין דער זעלבער צייט וואָס מען בויט די אַגריקולטור, נאַטור-אוצרות און אינ־דוסטריע, כדי מען זאָל האָבן מיט וואָס צו האַנדלען און דורך דעם באַנוצן דעם טראַנספּאָרט.

אַ לאַנד אָן נאַטור־אוצרות מוז אָנקומען נאָך יעדער זאַך קיין אויסלאַנד. דאָס קען זיך קיין שום לאַנד נישט דער־לויבן. וואָס מער אַ לאַנד איז רייך אין נאַטור־אוצרות, אַלץ ווייניקער דאַרף עס אָנקומען צו אויסלאַנד. צו דעם דאַרף אַ לאַנד שטרעבן. וואָס מער נאַטור־אוצרות אַ לאַנד פאַרמאָגט, אַלץ מער פאַבריקן קאָן מען דאָרט אויפבויען. אין ישראל וואָלט זיך נישט געלוינט צו פאַרדרייפאַכן די גלאָז-אינדוסטריע, ווען מען וואָלט נישט געטראָפן דעם רוי־מאַטעריאַל דאָרט.

כדי ישראל זאָל קענען פּראָדוצירן גענוג שפּייז פאַר איר באַפעלקערונג, און אין דער זעלבער צייט זאָלן זיין

באשעפטיקט אנדערע טיילן פון פאָלק ביים טראַנספּאָרט־וועזן, עקספּלואַטאַציע פון די נאַטור־אוצרות, אין דער אינדוסטריע א.אַ.וו., מוז זי זיך באַנוצן מיט די מאָדערנע מעטאָדן פון אַגריקולטור. אַ דאַנק דעם וועט זיך קאָנען אַ קלענער טייל פון דער באַפעלקערונג אָפּגעבן מיט אַגרי־קולטור און די אַנדערע טיילן וועלן זיך קאָנען ווידמען די איבעריקע ווירטשאַפטלעכע געביטן.

מען מוז נאָך אין ישראל פאַרגרעסערן דעם אַקער־לאַנד־שטח ביז וואַנען די פעלד־אַרבעטער וועלן קענען פּראָדו־צירן גענוג עסנוואַרג פאַר ישראלס באַפעלקערונג. מען מוז אויך פאַרגרעסערן דעם טראַנספּאָרט־נעץ אויף אַלע אופנים. מען מוז אויך זוכן נייע נאַטור־אוצרות און אויסאַרבעטן די וואָס מען האָט שוין געפונען. אין דער זעלבער צייט מוז מען אויך פאַרשטאַרקן די לייכט־אינדוסטריע און זען, אַז עס זאָל זיך אַנטוויקלען אַ געהעריקע שווער־אינדוס־טריע. כדי די אַלע זאַכן צו דערגרייכן, מוז מען אינוועסטירן געלט אין ישראל. מען דאַרף אויך נישט פאַרגעסן, אַז דערווייל אַרבעט נאָך ישראל נישט אויס גענוג שפּייז פאַר איר באַפעלקערונג, און אין די נאָענטסטע פאָר יאָר, וועט זי אויך מוזן האָבן געלט צו קויפן שפּייז. אָבער די גרעסטע סומע פון קאַפּיטאַל וואָס ישראל גיט אויס אויף אימפּאָרט גייט נישט אויף איינצוקויפן שפּייז, נאָר אויף צו פאַרגרעסערן די אַלע אויבנדערמאָנטע אונטערנעמונגען, וואָס וועלן אין די נאָענטסטע 8־10 יאָר מאַכן ישראל אומאָפּהענגיק עקאָנאָמיש. אָבער דערווייל איז דאָ אַ פּראָב־

לעם: פון וואַנען קען ישראל נעמען דאָס געלט, כדי צו פאַרגרעסערן איר אימפּאָרט פון מאַשינען וואָס איז איצט אַזוי וויכטיק אין ישראל.

די דראַמאַטישקייט פון ישראלס קאַמף פאַר עקאָנאָמישער אומאָפּהענגיקייט באַשטייט אין דעם, וואָס דער עקאָנאָמישער אויפבוי פונעם לאַנד איז געקנופּט מיט דער ריזיקער מאַסן־עליה וואָס האָט אין משך פון פינף יאָר פאַרגרעסערט די יידישע באַפעלקערונג אויף 120 פּראָצענט. אין 1948 זענען געווען 600,000 יידן אין לאַנד און היינט ציילט דאָרט די יידישע באַפעלקערונג 1,500,000. כדי איינצואָרדענען די עולים און גלייכצייטיק בויען די עקאָנאָמיע פון לאַנד מוז ישראל איינפירן אויף אַ געוויסע צייט אַ סיסטעם פון שפּאָרזאַמקייט און אויך זיך לייען געלט. אַלע יידן אין ישראל פאַרדינען אַ געוויסע סומע געלד א יאָר. ווען די יידן דאָרט זאָלן אויסגעבן די גאַנצע סומע פארן טעגלעכן געברויך, דאַן וואָלט גאָרנישט געבליבן אויף אַריינצולייגן אין נייע אונטערנעמונגען. אָבער, אויב די גאַנצע באַפעלקערונג וועט נאָר אויסגעבן 70 פּראָצענט פון דער סומע פאַר קאָנסום־סחורות, דאַן וועט בלייבן 30 פּראָצענט אויף צו אינוועסטירן אין נייע אונטערנעמונגען. דעריבער קאָנטראָלירט די ישראל־רעגירונג די מעגלעכקייטן פון אויסגעבן געלט אין לאַנד, און לאָזט נאָר אויסגעבן אויף די נויטיקסטע זאַכן. דאָס איבעריקע געלט גייט אויף נייע אונטערנעמונגען, וואָס וועלן מאַכן ישראל זעלבסטשטענדיק אויף אַלע געביטן פון עקאָנאָ־

מישן לעבן. אָבער די אָפּגעשפּאַרטע געלטער אין ישראל זענען זייער קליינע. צו דעם אַלעם מוז דער גרעסטער טייל פון דעם געלט גיין, כדי צו פאַרשטאַרקן די אַרמיי, מוז, דעריבער, די ישראל־רעגירונג זיך לייען געלט. דאָס געלט וואָס זי לייט זיך, אינוועסטירט זי אין די אַלע אונטער־נעמונגען. דעריבער איז דאָס אַריינגעלייגטע געלט הונ־דערט־פּראָצענט זיכער. די ניי־געפונענע נאַטור־אוצרות, די נייע איריגאַציע־סיסטעמען, וואָס מאַכען נייע מיליאָנען דונאַם ערד פּרוכטבאַר, די שיפן, עראָפּלאַנען, אויטאָבוסן, באַנען, און די נייע אינדוסטריעס, וואָס ישראל שטעלט אויף פאַר דעם געבאָרגטן געלט מאַכן זיכער, אַז ישראל וועט קענען צוריקצאָלן דאָס געלט מיט אַלע פּראָצענטן.

כדי ישראל זאָל ווערן וואָס שנעלער עקאָנאָמיש זעלבס־שטענדיג, מוז מען אין די נאָענטסטע יאָרן פונקט אַזוי אינטענסיוו אַרבעטן ווי ביז איצט. אין דער אַרבעט איז דאָ פּלאַץ פאַר אַלע שיכטן. עס איז דאָ פּלאַץ פאַר דער רעגירונג, פאַר פּריוואַטן קאַפּיטאַל, און פאַר קאָאָפּעראַ־טיוון. די אַלע גרופּעס קענען צוזאַמען אַרבעטן און אויסנוצן אַלע מעגלעכקייטן וואָס דאָס לאַנד גיט. וואָס מער קאַפּיטאַל און אַרבעט עס וועט אין טייל פון די סעקטאָרן אַריינלייגן אַלץ מער פּראָפיטן וועט ער אַרויסנעמען.

ישראל ווערט אָנגערופן אין תנ״ך אַ לאַנד, וואָס פליסט מיט מילך און האָניק. ישראל איז טאַקע געווען ביז מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק אַ פּרוכטבאַר לאַנד, וואו יידן זענען געזעסן „איש תחת גפנו ואיש תחת תאנתו״. אַז

ישראל האָט געקענט זיין אַזאַ לאַנד נישט באַנוצנדיק זיך
מיט מאָדערנע מאַשינען און מאָדערנער טעכניק, קען עס
אוודאי היינט זיין אַ לאַנד וואָס פליסט מיט מילך און האָניק.
פון דעם געזאָגטן קענען מיר מיט זיכערקייט קומען צום
אויספיר, אַז כאָטש דאָס לעבן אין ישראל איז נאָך היינט
גאַנץ שווערלעך, איז די צוקונפט אירע, ווי עס איז
פאָרויסצוזען, אַ פיל צוזאָגנדיקע און אַ ליכטיקע.